# קרית ברסלב בלעטל

שנה ה' נומער 200

פרשת מקץ · תשפ"ד






## דערהויבענע יום טוב חנוכה אין שטעטל מיטן ראש ישיבה שליט"א

3

## שכח אייבערשטער פאר ביז אהער

פראגעס און ענטפערס פון אונזערע לייענער צום 200'סטן בלעטל

7



שטעטל נייעס
געהויבענע יו"ט
חנוכה אין שטעטל
4



200 קאלום
פראגעס און
ענטפערס פון
אינגעלייט
6



מעשיות פון תפילה
אינגעלייט
פארציילן
פערזענליכע
מעשיות פון תפילה
18



בריוו פונעם ר"י
א בריוו פונעם
ראש ישיבה
געאייגענט פאר
די וואך
19



געדאנקען
רויטע קנעפלעך
20



בילדער ווינקל
בילדער פון יום טוב
חנוכה אין שטעטל
37



# קרית ברסלב בלעטל

רעדאקציע:

מרדכי אינדיג, אברהם משה שטראססער, משה ארי' שניטצלער, אברהם הערש וועבערמאן, ישראל דוד העסקעל, אברהם יצחק אייזנער, שמואל בער שניטצלער, גרשון קרעמער, מ. פאפנהיים, ר. ראטענבערג. ל. שיינער.

צו באקומען די וועכנטליכע קרית ברסלב בלעטל אפגעשיקט צו אייער טיר רופט:
**718.387.2691**
subscribe@kerenhadfusa.org
לקבלת הקרית ברסלב בלעטל דרך הדואר בארץ ישראל התקשרו:
077-530-9648

צו באקומען די וועכנטליכע קרית ברסלב בלעטל אויף אימעיל שיקט א אימעיל צו
chizikyomi@rabbiroth.org

צו אדווערטייזן אדער ארייננצושיקן א מעסעדזש צו די רעדאקציע
בריוו אדער הגהות רופט: 845.379.1161
136-Huschke Rd Hurleyville NY 12747
breslevofficeliberty@gmail.com

**קול ברסלב: 212.444.9191**
**חיזוק פאר די אידישע שטוב: 212.444.9169**


## זמנים Liberty
מקץ ד' טבת תשפ"ד

הדלקת הנרות ........... 04:10
מוצאי שבת ........... 05:42

מנחה מעריב וויגש .... 05:25

## מזל טוב!

מיט גרויס פרייד טוען מיר וואונטשן א הערצליכן מזל טוב פאר

**מו"ה בנציון יאקאבאוויטש הי"ו**
**וזוגתו חנה תחי'**
**צו די געבורט פון א אינגל למזל טוב**

דער אייבערשטער זאל העלפן זיי זאלן זען אסאך נחת פון דעם קינד און אלע קינדער געזונטערהייט

## מזל טוב!

מיט גרויס פרייד טוען מיר וואונטשן א הערצליכן מזל טוב פאר

**מו"ה יוסף מאיר שטיין הי"ו**
**וזוגתו שרה חנה תחי'**
**צו די געבורט פון א אינגל למזל טוב**

דער אייבערשטער זאל העלפן זיי זאלן זען אסאך נחת פון דעם קינד און אלע קינדער געזונטערהייט

## וועטער

| | | |
|---|---|---|
| Fri 15 | 45°/30° | Sunny |
| Sat 16 | 41°/27° | Mostly Cloudy |
| Sun 17 | 43°/34° | Partly Cloudy |
| Mon 18 | 40°/20° | AM Showers |
| Tue 19 | 35°/23° | Mostly Sunny |
| Wed 20 | 40°/27° | Partly Cloudy |
| Thu 21 | 39°/28° | Mostly Cloudy |
| Fri 22 | 40°/30° | Mostly Cloudy |

געדענקט וואס דער הייליגער רבי זאגט
**די וועטער מבינים ווייסן נישט אל"ץ ריכטיג די וועטער וואס גייט זיין**
שיחות הר"ן רכ"א

# שטעטל נייעס

## געהויבענע יום טוב חנוכה אין שטעטל מיט'ן ראש ישיבה שליט"א און אנשי שלומינו




דער הערליכער יום טוב חנוכה אין שטעטל צוזאמען מיט'ן ראש ישיבה שליט"א, איז געווען א פארגעניגן פון די ערשטע מינוט ביז די לעצטע מינוט, די שטעטל האט געלעבט אין א יום טוב'דיגע שטימונג, עפעס וואס מען קען נישט מסביר זיין מיט ווערטער, מיר וועלן פרובירן בלויז אראפצולייגן די כראנאלאגישע סדר וויאזוי עס איז צוגעגאנגען פון אנהייב ביזן סוף.

דער ראש ישיבה שליט"א איז אנגעקומען אין שטעטל מיטוואך ביינאכט פרשת וישב, די איינוואוינער האבן זיך אויפגעוועקט אינדערפרי צו א סופרייז, "דער ראש ישיבה געפונט זיך מיט אונז אין שטעטל", און אפילו מען זעט אים נישט יעדע מינוט, שפירט זיך אבער אין שטעטל אַן אנדערע לופט אַן אנדערע אטמאספער, א רואיגקייט לאזט זיך אראפ, מען שפירט עפעס אזא קלארע אמונה לופט וואס קומט מיט ווען דער ראש ישיבה קומט אין שטעטל.

דאנערשטאג אינדערפרי האט דער ראש ישיבה באזוכט אין ישיבה, און געדאווענט צוזאמען א ווארימע געשמאקע דאווענען. אויך האט דער ראש ישיבה באזוכט אין די מוסד און גערעדט צו די קינדער וויאזוי מען דארף זיך אויפפירן מיט מידות טובות און דרך ארץ. אויך האט דער ראש ישיבה געברענגט מען זאל אויסטיילן שיינע גרויסע תהילים'ס פאר די תלמידות פון בית פיגא בייגעלייגט מיט א בריוו.

אויך איז דער ראש ישיבה שליט"א אריבער אין בית הדפוס זיך אומקוקן אויף די הייליגע ארבעט וואס קומט דארט פאר, ווי מען דרוקט יעדן טאג נאך און נאך ספרים און קונטרסים פאר אידישע קינדער, אז זיי זאלן אויך וויסן די סוד וויאזוי מען קען האבן א שיינע פרייליכע לעבן מיט'ן אייבערשטן אויף דער וועלט.

ביינאכט נאכן צינדן דעם ערשטן לעכטל איז פארגעקומען דעם וועכנטליכן ליל ששי שיעור אין בית המדרש הגדול, דער ראש ישיבה האט שטארק ארומגערעדט פון נישט שרייען אינדערהיים, נאר זיך אויפפירן מיט א דרך ארץ אזוי ווי דער רבי' לערנט אונז.

שפעט דאנערשטאג זענען די בחורים אַרויסגעקומען אין שטעטל צו זיך אויפהאלטן אויף שבת חנוכה אין שטעטל צוזאמען מיט'ן ראש ישיבה שליט"א.

און אזוי איז מען אריין אינעם לעכטיגן שבת חנוכה - שבת מברכים ראש חודש טבת, די וועטער אינדרויסן איז געווען גאר געשמאק ברוך השם, צוליב וואס געוויסע האבן געבעטן דעם אייבערשטן עס זאל זיין שיינע וועטערס. דער ראש ישיבה האט געדאווענט אלע תפילות אין האשקי שול, קבלת שבת האט מען געהאט די זכי' צו הערן דעם ראש ישיבה דאווענען, עס האט אנגעווארעמט יעדנ'ס הארץ, די סעודה האט דער ראש ישיבה געגעסן מיט די בחורים אין בית המדרש. פאר די סעודה האט דער ראש ישיבה געשמועסט מיט די בחורים א לאנגע צייט צוליב דעם וואס די משפחה איז נאכנישט געווען גרייט צו אנהייבן די סעודה, און דער ראש ישיבה האט ארויסגעברענגט אז מען קען נישט שרייען אינדערהיים ווען מען איז נאכנישט גרייט, מען דארף זיך רעכענען מיט יענעם, ובפרט ווען ביי א מאן נעמט שנעלער זיך צו מאכן גרייט.

נאך די סעודה איז מען זיך צאמגעקומען זינגען צוזאמען זמירות שבת, אויך איז געווען די שלום זכר ביי האברך מו"ה בנציון יאקאבאוויטש הי"ו.

דער ראש ישיבה האט ארומגערעדט פון דעם וואס דער רבי' האט געזאגט מען זאל קומען צו אים די דריי צייטן פון די יאר, שבת חנוכה, שבועות און ראש השנה, דער ראש ישיבה האט ארומגערעדט פון קומען צום הייליגן רבי'ן ראש השנה וואס דאס גייט אן אפילו נאכן רבינ'ס פטירה.

דערנאך האט מען נאך אביסל געזינגען און דער ראש



ישיבה האט ווייטער ממשיך געווען צו רעדן פארוואס מען קומט צום רבי'ן שבת חנוכה, ווייל דעמאלט לערנט דער רבי אויס צו דאנקען דעם אייבערשטן אויף אלעס וואס מען האט, ס'איז דא מענטשן וואס ווען מען זאגט זיי דאנק דעם אייבערשטן אז דו קענסט זען, דו קענסט גיין, דו קענסט שמעקן, זאגט ער "יעדער קען זען, גיין, שמעקן און אזוי ווייטער", אבער דער אמת איז אז דאס איז נישט אמת, דער ראש ישיבה האט פארציילט מעשיות פון מענטשן וואס קענען נעבעך נישט זען, זיי קענען נישט שמעקן, זיי קענען נעבעך נישט גיין דער אייבערשטער זאל אפהיטן, א איד דארף זיך צוגעוואוינען דאנקען אויף יעדע זאך וואס מען האט יא.

דער ראש ישיבה האט פארציילט בשעת די קאראנע האט א איד געדארפט האבן א מאשין צו אטעמען, דער דאקטער האט אים געשיקט עפעס א ריזן ביל צו באצאלן, און ווען דער איד האט דאס געזען האט ער אנגעהויבן וויינען און זיך אנגערופן "וויפיל בין איך שולדיג דעם אייבערשטן וואס געבט מיר צו אטעמען יעדע מינוט פון ווען איך בין געבוירן ביז היינט".

אויך האט דער ראש ישיבה ארומגערעדט די חסדים וואס דער אייבערשטער האט געטון מיט אים אז ער איז אנגעקומען צו מוהרא"ש, ווייל ער האט געהאט א בילד אין קאפ אז צו זיין א ערליכער איד דארף מען פאסטן, נישט שלאפן אין קיין בעט און אזוי ווייטער, אבער פון ווען ער האט באקומען דעם קליינעם ספר אשר בנחל האט זיך אין געעפענט א נייע וועלט, ער האט געזען אז מען קען עסן און שלאפן, אבער טו עס מיטן אייבערשטן.

אינדערפרי פאר'ן דאווענען האט דער ראש ישיבה שליט"א פארגעלערנט די סידור עת רצון די שטיקל פון מן המיצר וואס מוהרא"ש שרייבט אזוי שיין וויאזוי א מענטש דארף זיך דערהאלטן אין די שווערסטע מצבים וואס ער גייט נאר אדורך, און ווען ער האט יסורים זאל ער וויסן אז דאס קומט פונעם אייבערשטן, ער שיקט דאס פארן מענטש אים צו אויפוועקן פון שלאף.

צו שחרית איז דער ראש ישיבה צוגעגאנגען צום עמוד, און געדאווענט א ווארימע הלל וואס האט יעדן אנגעווארעמט דאס הארץ, אויך האט דער ראש ישיבה געליינט גאר ווארעם און געשמאק, און דערנאך געבענטש ראש חודש.

ביי סיפורי מעשיות האט דער ראש ישיבה פארציילט די מעשה וואס דער הייליגער רבי האט פארציילט פון א רב בישראל וואס האט אכט און צוואנציג יאר זיך געוואלגערט אין עולם התוהו רחמנא לצלן, האט דער רבי אויסגעפירט ווער עס וועט קומען צו מיר ראש השנה, שבת חנוכה און שבועות וועט ווערן ניצול פון דעם, מוהרא"ש איז מסביר, פארוואס פונקט די דריי צייטן? ווייל ראש השנה גיט דער הייליגער רבי אריין א קלארע אמונה אינעם מענטש און מען הייבט אן צו רעדן צום אייבערשטן, שבת חנוכה באקומט מען די מתנה פון דאנקן דעם אייבערשטן אויף אלע חסדים, און שבועות די מתנה פון לערנען תורה אויפ'ן געשמאקן וועג וואס דער הייליגער רבי לערנט אונז אז מען דארף נישט פארשטיין ביים לערנען, נאר מען זאגט די ווערטער, וואס דורך דעם איז מען זוכה צו אדורכגיין כל התורה כולה.

אויך האט דער ראש ישיבה נאכאמאל גערעדט פון דאנקען דעם אייבערשטן, "וואס איז דער גאנצער מענטש? אין איין מינוט קען די מענטש אויפהערן אטעמען חס ושלום, א מענטש דארף זיך צוגעוואוינען צו דאנקן דעם אייבערשטן, נאכדעם קען מען בעטן דעם אייבערשטן וואס מען דארף".

ביי שלש סעודות האט דער ראש ישיבה פארגעלערנט חיי מוהר"ן סימן פה די מעשה וואס דער רבי האט פארציילט חנוכה פון א גאסט וואס איז געקומען צו א בעל הבית און אים געוויזן וויאזוי מען קען לעבן דא אויף דער וועלט און זיין אין די זעלבע צייט דבוק צום אייבערשטן.

דער ראש ישיבה האט געזאגט אז מען פירט זיך ביי אנשי שלומינו דאס צו פארציילן שבת חנוכה, מען קען אין דעם זאגן אסאך פשטים, אבער איך זאג דאס וויאזוי איך האב פארשטאנען פון מוהרא"ש.

אויך האט דער ראש ישיבה מעורר געווען אנשי שלומינו זיך צו מאכן א שיעור אין ספר "ליקוטי מוהר"ן", וואס דאס וועקט אויף א מענטש פון שלאף און מאכט דעם מענטש רעדן צום אייבערשטן, ובפרט אז מען מאכט זיך א שיעור אין ספר "אשר בנחל" די בריוון פון מוהרא"ש, מאכט עס גלייך דער מענטש גיין אין בית המדרש דאווענען, אנטון תפילין און אזוי ווייטער.

שפעטער האט דער ראש ישיבה געצינדן די גרויסע מנורה אין שול, דער ראש ישיבה האט געזאגט מען זאל ווארטן אויף אלע קינדער, זיי זאלן מיטהאלטן וויאזוי מען צינדט די מנורה.

לייגט א באזונדערע באריכט פונעם הערליכן מלוה מלכה וואס איז פארגעקומען אין בית המדרש

זונטאג האט דער ראש ישיבה אויסגעניצט אריבער צו גיין אין די מוסד און רעדן צו די קינדער אין חדר הערן פון זיי וואס זיי לערנען און אזוי ווייטער.

דער שבת וועט זיכער געדענקט ווערן פאר א לאנגע צייט און מען וועט מיטנעמען די לימודים מיט זיך איבעראל וואו מען געפינט זיך נאר.

# שטעטל נייעס

## הערליכע מלוה מלכה מוצאי שבת חנוכה



נאך א הערליכע שבת חנוכה וואס דער ראש ישיבה שליט"א האט געווײלט אין שטעטל צוזאמען מיט פילע געסט אנשי שלומינו וואס האבן זיך געוואלט געפונען ביים קיבוץ פון חסידי ברסלב צוזאמען מיטן ראש ישיבה, איז מוצאי שבת קודש אפגעהאלטן געווארן א הערליכע מלוה מלכה אין שטעטל.

מען האט זיך געוואשן צו א הערליכע סעודה, ווי עס איז געווען צוגעשטעלט פון אלעם גוטן, ווארעמס, און געשמאקע מאכלים לכבוד סעודת מלוה מלכה און לכבוד חנוכה. מען האט געזונגען אינאיינעם די זמירות פון מלוה מלכה.

נאכן זינגען האט דער ראש ישיבה אויפגערופן איינער פון די גבאי בית המדרש מו"ה אברהם הערש וועבערמאן הי"ו, ארויסברענגענדיג אז ר' אברהם יושע איז פון די ערשטע אכט תלמידים פון די ברסלב'ע חדר, און אויך איז א זכי' צו אויפרופן אזא איינעם וואס העלפט די קהילה אדורך צו גיין גרינגערהייט די פראצעדור פון קויפן א הויז מיט א מארטגעדזש.

דער גבאי מו"ה אברהם יושע הי"ו האט זיך קודם הערצליך באדאנקט פארן ראש ישיבה שליט"א וואס גיבט אונז פון אלעס גוטס בגשמיות וברוחניות, ובפרט מיטן אויפבויען אזא שיינעם שטעטל מען זאל קען דא לעבן רואיג מיטן אייבערשטן אן קיין שטער.

דערנאך האט ער זיך באדאנקט פאר אלע וואס העלפן ארויס דעם שול א גאנץ יאר די שול זאל קענען אנגיין מיט אלע געברויכן וואס עס איז דא, ער האט זיך באדאנקט פאר אלע וואס העלפן ארויס בממון און אויך בגוף, נישט אייביג איז עס געלט, אסאך מאל דארף מען פשוט האבן איינעם וואס העלפט צאמפאקן די ספרים וכדומה.

ביים סוף האט דער גבאי געזאגט אז מען האט אנגעגרייט ספעציעלע מתנות פאר אלע וואס האבן ארויסגעהאלפן די שול א גאנץ יאר.

דערנאך האט מען געהערט א שיינע באריכט פונעם באליבטן אדמיניסטראטאר פון די מוסדות מו"ה רפאל פורסט הי"ו, וואס האט איבערגעגעבן אביסל וואס טוט זיך אין די אפיסעס, ווי ער האלט מיט ווי די איינגעשטעלטע שטרענגען זיך אן צו מחנך זיין די קינדער צו אמונה און קדושה, אלעס אָן פעטש, אָן קלאפן די קינדער, נאר אלעס מוז גיין מיט אויפבויען די קינדער, ער האט איבערגעגעבן אביסל פונעם קריזיס וואס הערשט יעצט אין די מוסד אז עס איז נישט דא קיין געלט צו צאלן פאר די איינגעשטעלטע, אבער דער אייבערשטער וועט אונז זיכער נישט פארלאזן.

דערנאך האט מען געהערט לעכטיגע דיבורים פונעם ראש ישיבה שליט"א - וואס האט ארויסגעברענגט אז מען איז זיך דא צוזאם געקומען צו דאנקען און לויבן דעם אייבערשטן אז מיר זענען מקורב צום רבי'ן און אז מיר האבן אזאנע הערליכע מוסדות וואו מען איז מחנך די קינדער אזוי ריין מיט די ריינע אמונה.

דער ראש ישיבה האט פארציילט ווי שטארק מוהרא"ש האט זיך געפריידט ווען מען האט געעפנט די תלמוד תורה היכל הקודש אין וויליאמסבורג, ער האט דעמאלט געבעטן די געלט באס זאל אריבערפארן זיין הויז, אויך האט מוהרא"ש געגעבן פונקטליכע אנווייזונגען וואס צו שרייבן אויפן באס. מוהרא"ש איז געווען גאר פרייליך מיט די מוסדות.

צום סוף האט דער ראש ישיבה צוגעענדיגט אז יעדער אינגערמאן דארף זיך מסדר זיין א צייט ווען ער גייט אביסל רעדן צום אייבערשטן יעדן טאג, אוודאי רעדט מען צום אייבערשטן א גאנצן טאג, מען בעט וואס מען דארף, אבער חוץ פון דעם דארף מען מאכן א צייט ווען מען גייט זיך אויסשמועסן מיטן אייבערשטן אדורך גיין אלע זאכן מיטן אייבערשטן.

דער עולם איז אהיימגעגאנגען מיט א פרישע קבלה זיך צו באנייען און פריש אנהייבן דאנקען דעם אייבערשטן אויף אלע חסדים און בעטן אויף ווייטער.

**יְמֵי חֲנוּכָּה הֵם יְמֵי הוֹדָאָה - זֶה בְּחִינַת שַׁעֲשׁוּעַ עוֹלָם הַבָּא (ליקוטי מוהר"ן ח"ב סימן ב')**

בעזרת השם יתברך

סימן טוב ומזל טוב יהא לנו ולכל ישראל אמן

מיר ווילן וואונטשן א
הערצליכן
**ברכת מזל טוב**
פארן געטרייער גבאי
הכולל

# מוה"ר **משה ארי'**
# **שניצלער** הי"ו
## **וזוגתו תחי'**

צום געבורט פון א אייניקל
ביי זיין חשוב'ן איידעם
מו"ה **בנציון יאקאבאוויטש** הי"ו
מהשובי אברכי הכולל

דער אייבערשטער זאל העלפן זיי זאלן זען אסאך
נחת פון דעם אייניקל און אלע קינדער און
אייניקלעך געזונטערהייט,

ווי עס וואונטש

כולל היכל הקודש
בנשיאות הראש ישיבה שליט"א

ישראל דוד העסקעל



קרית ברסלב בלעטל

צוויי הונדערט! ס'ליינט זיך גרינג 'צוויי הונדערט' אבער פאר גאנצע צוויי הונדערט וואכן אין א צי' אן א אפשטעל, וואך נאך וואך ערשיינט שוין דער קרית ברסלב בלעטל און שיינט אריין א ליכטיגקייט אין אידישע שטובער וואס ווילן און לעכצן צו ליינען עפעס וואס איז ריין פון לשון הרע, רכילות און סתם שטותים והבלים, מען זוכט עפעס וואס ווען מען ליינט דאס זאל מען שפירן גוט נאכדעם אז איך האב געליינט עפעס זאכליך אויף למעשה, וואס קען מיר טוישן מיין מח צום גוטן און אנהייבן ווערן א בעסערע איד, עפעס וואס וועט מיר מאכן נענטער צום אייבערשטן.

לכבוד די צוויי הונדערטסטע נומער, האבן מיר אויסגעפרעגט עטליכע שטענדיגע לייענער צו הערן ווי אזוי זיי און די משפחה האבן הנאה פונעם בלעטל און ווי אזוי מיר קענען עס פארבעסערן און פארברייטערן מיטן אייבערשטנ'ס הילף.

ליינט און האט הנאה!

# וועו לייגסטו די בלעטל יעדע וואך?

**יעקב האלצער - קרית יואל**

איך האב נישט קיין קביעות'דיגע צייט ווען איך לייו עס, קודם זע איך יעדע וואך דורכצולערנען דעם קונטרס עצתו אמונה כדי צו זיך כאפן דעם אטעם, און דערנאך מיט די פארבליבענע צייט ליין איך די בלעטל.

**יעקב שאול פיש - בארא פארק**

דורכאויס שבת.

**שבתי דוד מארקוס - וויליאמסבורג**

געווענטליך שבת נאכמיטאג.

**הרב יואל טייטלבוים - קרית יואל**

די רצון איז עס צו ליינען שבת אבער נישט אייביג קען איך זיך איינהאלטן ביז שבת...

**רפאל פורסט - קרית ברסלב**

דאנערשטאג נאכט בלעטער איך עס שנעל אדורך. שבת נאכמיטאג אדער מוצאי שבת ליין איך עס געהעריג אדורך.

**אייזיק ראטה - וויליאמסבורג**

במשך שבת און זונטאג.

**הרב אברהם משה שטראססער - קרית ברסלב**

ווען מיינע קינדער לאזן מיר עס שוין האבן...

**ארי פיש - קרית ברסלב**

פרייטאג צונאכטס.

**א. ד. - בארא פארק**

געווענליך שבת נאכמיטאג.

**מרדכי ראזענפעלד - מאנסי**

פרייטאג צונאכטס נאך די סעודה ווען די קינדער שלאפן רואיג דעמאלט לערן איך דעם קונטרס עצתו אמונה און דערנאך ליין איך די בלעטל, עס איז ממש אן עונג שבת!

**אברהם יצחק אייזנער - קרית ברסלב**

אזוי ווי מיין ארבעט איז צו מגיה זיין דעם בלעטל יעדע וואך קומט מיר שוין אויס עס צו ליינען זונטאג פאר עס גייט צום דרוק.

**יואל אפפענהיים - קרית ברסלב**

נאך די סעודה.

**אברהם דוד לאקס - קרית ברסלב**

דורכאויס שבת.

**יואל וועבערמאן - קרית ברסלב**

במשך שבת און זונטאג.

**יצחק פאפנהיים - ירושלים**

דאנערשטאג, פרייטאג, שבת.

**משה ראזענבערג - צפת**

דארכאויס שבת.

**מרדכי אהרן הייליפרין - קרית ברסלב**

יעדע וואך אנדערש.

**בערל שניצלער - קרית ברסלב**

נאכן ענדיגן לערנען קונטרס עצתו אמונה.

**יואל לעווי - בני ברק**

אין די ערשטע געלעגנהייט וואס ס'קומט אין מיין האנט, ביז נישט לאנג צוריק איז עס ארויף אויף ברסלב סענטער זייטל מאנטאג נאכט, אבער לעצטנס גייט דאס ארויף דאנערשטאג. איך

באקום עס געדרוקט פון בית הדפוס אין בני ברק דאנערשטאג נאכט, און איך גיי נישט שלאפן פאר איך נעם די חיזוק טאבלעטן פונעם בלעטל.

› **אייזיק אפפעל - קרית ברסלב**

איך האב נישט קיין באשטימטע צייט איך ליין עס דורך ערגעץ צווישן דאנערשטאג נאכט אין מאנטאג.

# וואס איז די ערשטע זאך וואס דו לייינסט אין די בלעטל יעדע וואך?

› **יעקב האלבצער - קרית יואל**

די קאלום 'א טיפערע בליק' פון ישראלי העסקעל איז זייער געשמאק, ער ברענגט ארויס א גוטע זאך יעדע וואך, דאס ליין איך געווענליך ערשט.

› **יעקב שאול פיש - בארא פארק**

די ערשטע זאך וואס איך ליין איז די ערשטע בלאט. איך גיי כסדרן, איך מאך א סיום יעדע וואך אויף די קרית ברסלב בלעטל קיין איין שורה ווערט נישט אויסגעלאזט, עס איז געשמאק יעדע זאך.

› **שבתי דוד מארקוס - וויליאמסבורג**

איך ליין אויפן סדר, וואס קומט ערשט דאס ליין איך קודם.

› **הרב יואל טייטלבוים - קרית יואל**

אויב האב איך עפעס ארייינגעשיקט, זוך איך דאס אויף ערשט, און אויב נישט איז טאקע זייער שווער צו וויסן וואו אנצוהייבן מיט אזעלכע תוכן'דיגע שיינע ארטיקלען.

› **רפאל פורסט - קרית ברסלב**

אויב ס'איז דא א סעודה מיטן ראש ישיבה איז דאס די ערשטע, נאכדעם די בריוו פון דער ראש ישיבה און די שיחה פון דער ראש ישיבה, דערנאך די ארטיקלען.

› **אייזיק ראטה - וויליאמסבורג**

איך קוק די בילדער, ווי אויך אויב ס'איז דא א צום פינטל ארטיקל יענע וואך.

› **הרב אברהם משה שטראססער - קרית ברסלב**

די ערשטע קוק איך די בילדער אפטיילונג.

› **ארי פיש - קרית ברסלב**

א סעודה מיטן ראש ישיבה איז די ערשטע זאך וואס איך ליין.

› **א. ד. - בארא פארק**

א טיפערן בליק ארטיקל פון מו"ה ישראל דוד העסקעל הי"ו.

› **מרדכי ראזענפעלד - מאנסי**

נישט עפעס ספעציפיש איך הייב אן פון אנפאנג און איך פאר עס דורך.

› **אברהם יצחק אייזנער - קרית ברסלב**

איך גיי אין א רייע מיט די חומר וואס איך באקום ערשט. אבער ווען איך באקום דעם הארטן קאפי פונעם שוין אפגעדריקטן בלעטל דעמאלט ליין איך ערשט מו"ה משה ארי' שניצלער'ס ארטיקל ווייל דאס איז די איינציגסטער ארטיקל וואס איך בין נישט מגיה, במילא איז דאס מיר די מערסטע אינטערעסאנט.

› **יואל אפפענהיים - קרית ברסלב**

די פארזעצונג פון דער רבינ'ס לעבנס געשיכטע און די מעשה פון א צדיק.

# ווען און וויאזוי קומט אן די בלעטל צו דיר יעדע וואך?

**אברהם דוד לאקס - קרית ברסלב**

מיט א טיפערן בליק האב איך זייער הנאה צו ליינען ס'איז זייער שיין באשריבן.

**יואל וועבערמאן - קרית ברסלב**

פרייטאג בלעטער איך צו זעהן וואס עס איז דא, און שבת קודש ליין איך די ערשטע די ארטיקל פון מו"ה משה ארי' שניצלער הי"ו אינטערן קאלום 'געדאנקען'.

**יצחק פאפנהיים - ירושלים**

א סעודה מיטן ראש ישיבה.

**משה ראזענבערג - צפת**

איך גיי אין א רייע פון אנפאנג ביזן סוף די מערסטע האב איך הנאה פון די מעשיות פון תפילה און פון די ארטיקלען פון מו"ה משה ארי שניצלער הי"ו און מו"ה ישראל העסקעל הי"ו.

**מרדכי אהרן היילפרין - קרית ברסלב**

געווענליך ליין איך עס אויפן סדר.

**בערל שניצלער - קרית ברסלב**

די נייע קאלום "איבער אלץ אין אלעמען" און אזוי אויך די "וועלטליכע נייעס" איז זייער רייך באשריבן און ס'ברענגט אריין די ברסלב'ע לימודים.

**יואל לעווי - בני ברק**

אויב איז דא א בריוו פון מו"ה יואל שניצלער הי"ו איז דאס פאר אלעם.

**אייזיק אפפעל - קרית ברסלב**

קודם בלעטער איך דורך די בלעטל און דערנאך ליין איך וועלכע ארטיקל ס'שיינט מיך דאס מערסטע דאס ליין איך ערשט, עס איז יעדע וואך אנדערש.

**יעקב האלצער - קרית יואל**

ווען איז יעדע וואך אנדערש... און וואו אזוי?! דורך די מפיצים פארשטייט זיך.

**יעקב שאול פיש - בארא פארק**

צו מיר קומט די בלעטל אן יעדע וואך דעליווערט אין שטוב אריין פון קרן הדפסה.

**שבתי דוד מארקוס - וויליאמסבורג**

די בלעטל באקום איך יעדע וואךביים הפצה טישל אין ישיבה, און מיר דארפן טאקע זיך באדאנקען פאר מו"ה אלי ציג הי"ו פארן צושטעלן יעדע וואך אזא שיינע הפצה טישל מיט אלע גליונות שיין אין א בעג ממש אן עונג שבת.

**הרב יואל טייטלבוים - קרית יואל**

עס קומט אן אויף די פאסט, און ווען די בלעטל קומט אן ווערט ממש לעכטיג ביי אונז אין שטוב.

**רפאל פורסט - קרית ברסלב**

דאנערשטאג נאכמיטאג ברענגט עס מו"ה יעקב משה אינדארסקי נ"י.

**אייזיק ראטה - וויליאמסבורג**

איך קויף עס נאכן שיעור אין ישיבה ביים הפצה טישל, ווי אויך טשעק איך עס שוין אויס ווען מען באקומט עס עלעקטראניש אינמיטן די וואך.

**הרב אברהם משה שטראססער - קרית ברסלב**

איך באקום עס יעדע וואך פון המפיץ מו"ה יעקב משה אינדארסקי הי"ו וואס איז שוין מפיץ די גליונות וועכנטליך פון אנהייב ווען די שטעטל האט זיך געגרונדעט.

פראגעס און ענטפערס פון אונזערע לייענער צום 200'סטן בלעטל

**‹ ארי פיש - קרית ברסלב**

דורך מו"ה יעקב משה אינדארסקי הי"ו וואס איז דאס מפיץ יעדע וואך אן קיין אויסנאם, דער אייבערשטער זאל אים באצאלן מיט אלעס גוטס.

**‹ א. ד. - באראָ פארק**

אויב קען איך זיין ביים שיעור דאנערשטאג נאכט נעם איך עס דארט פון די הפצה טישל, אויב נישט פון די באראָ פארק שול.

**‹ מרדכי ראזענפעלד - מאנסי**

צו מיר קומט אן די בלעטל יעדער וואך דורך המפיץ הגדול מו"ה אלי קנאלל הי"ו.

**‹ אברהם יצחק אייזנער - קרית ברסלב**

מו"ה יעקב משה אינדארסקי הי"ו דעליווערט עס וועכענטליך צו אונז אהיים.

**‹ יואל אפפענהיים - קרית ברסלב**

דורך מו"ה יעקב משה אינדארסקי הי"ו.

**‹ אברהם דוד לאקס - קרית ברסלב**

דורך מו"ה יעקב משה אינדארסקי הי"ו.

**‹ יואל וועבערמאן - קרית ברסלב**

מו"ה יעקב משה אינדארסקי הי"ו ברענגט עס צו מיין שטוב, אלע קינדערווארטן שוין ווען ער גייט אנקומען און ברענגן די זעקל מיט אלע גליונות.

**‹ יצחק פאפנהיים - ירושלים**

אין מיין זעקל פון בית הדפוס אין ירושלים.

**‹ משה ראזענבערג - צפת**

איך באקום עס אין שול.

**‹ מרדכי אהרן היילפרין - קרית ברסלב**

דורך מו"ה יעקב משה אינדארסקי הי"ו וואס ברענגט עס יעדע וואך צום טיר מיט די גאנצע שבת פעקל פון אלע גליונות וואס קומט ארויס אין היכל הקודש.

**‹ בערל שניצלער - קרית ברסלב**

דורך מו"ה יעקב משה אינדארסקי הי"ו וואס געבט זיך אוועק יעדע וואך פאר תושבי קרית ברסלב זיי זאלן באקומען די גליונות, ווען נישט אים וואלט א גרויסער ציבור בכלל נישט אנגעקומען צום דעם.

**‹ יואל לעווי - בני ברק**

די בית הדפוס אין בני ברק דרוקט יעדע וואך דאנערשטאג נאכט [שווארץ-ווייס], און פון מאל צו מאל קומט קאלירט פון יבנאל.

**‹ אייזיק אפפעל - קרית ברסלב**

דורך מיין געטרייער חבר און מפיץ מו"ה יעקב משה אינדארסקי הי"ו, ער מיט זיינע אייניקלעך קומען יעדע וואך מיט אזא געטריישאפט ברענגען דעם פעקל צום טיר.

## פארצייל עפעס א אינטערעסאנטע זאך וואס דו האסט ארויסגענומען חיזוק פונעם בלעטל?

**‹ יעקב האלצער - קרית יואל**

איך נעם ארויס זייער שטארקע חיזוק יעדע וואך פון די געדאנקען קאלום פון ר' משה ארי' שניצלער ס'געבט אריין שיינע חיזוק מיט זיין זיסע געשמאקע שפראך.

**‹ יעקב שאול פיש - באראָ פארק**

פראגעס און ענטפערס פון אונזערע לייער צום 200'סטן בלעטל

א סעודה מיטן ראש ישיבה געבט מיך שטארקע חיזוק און הדרכה ווי אזוי זיך צו באגיין מיט די קינדער און ווי אזוי צו פירן א שיינע שבת'דיגע סעודה, אויך די שיינע לימודים וואס איז דא אין דעם קאלום 'א סעודה' איז עפעס וואס איז פאר מיר זייער צום הארצן.

› **שבתי דוד מארקוס - וויליאמסבורג**

יעצט אויף די מינוט געדענקט איך נישט עפעס ספעציפיש אבער יעדע וואך איז דא אזעלכע שיינע זאכן וואס מ'נעמט ארויס אויף לעובדא ולמעשה גוטע חיזוק און עצות.

› **הרב יואל טייטלבוים - קרית יואל**

די בעסטע חיזוק איז ווען מ'זעהט ווי אזוי די תוכן פון די בלעטל שפילט זיך אפ לעבעדיג ביי אונז.

למשל מ'כאפט זיך ווי איך ברען די צייט איך קוק דאך אויס ווי יענער פון יענעם ארטיקל לאמיר טאקע טון צו זאך... אזעלכע סארט זאכן געבן שטארקע חיזוק.

אויך איז זייער שיין אז די בלעטל איז הערליך צוגעשטעלט פאר אלע יארגענג אפילו די גאר קליינע קינדער זענען זיך מחי' מיט דעם!

› **אייזיק ראטה - וויליאמסבורג**

איך האב זייער הנאה צו ליינען די סעודה מיטן ראש ישיבה, חוץ פון דעם וואס ס'איז אינטערעסאנט, פיל מיט שיינע זאכן, טרעף איך דארט שיינע ניצליכע טיפס וויאזוי זיך א עצה געבן אין שטוב ווי אויך מיט די קינדער, עס איז אינו דומה ווען ס'איז א לעבעדיגע משל ווי א שיעור.

› **הרב אברהם משה שטראססער - קרית ברסלב**

די עצם בלעטל איז איין שטיק חיזוק און לימוד, וואס ווען מ'וואלט זיך אוועקגעזעצט צוויי הונדערט וואכן צוריק פלאנען ווי אזוי מ'גייט מאכן א בלעטל וואלט מען נאך יעצט געשטאנען

פאר די ערשטע...

די בלעטל האב פאסירט ווען מו"ה אברהם הערש הי"ו מיט אלע וואס העלפן האבן נישט געמאכט קיין חשבונות נאר געטון צו די זאך אריינגעשפרינגען אן קיין פלענער נאר מיט א שטארקע רצון און אסאך תפילות נאר אזוי קומט מען אן. הלוואי זאלן זיך מענטשן אויסלערנען די טיפע אבער פשוטע עצה אויף א יעדע זאך אין לעבן, אז מ'שפרינגט אריין מ'טוט אפילו א קליינע זאך אן קיין חשבון און ערוואַרטונגען אז עפעס זאל דא ארויסקומען.

› **ארי פיש - קרית ברסלב**

די בלעטל איז אן אויסגאבע וואס האט א מורא'דיגע שטארקע כח און ס'איז זייער שיין צו זען ווי אזוי אזא תוכנ'דיגע אויסגאבע האט אזא שטארקע אפקלאנג און מענטשן האבן אזוי הנאה פון דעם דאס געבט שטארקע חיזוק פאר מיר און איך בין זיכער אויך פאר אנדערע צו עוסק זיין מער אין הפצה.

אויך וויל איך זאגן אז ס'קומט זיך א גרויסן דאנק פאר שרולי העסקעל זייט ער האט אנגעהויבן העלפן סיי מיט שרייבן סיי מיט די דעזיין איז די בלעטל אסאך שענער געווארן.

› **א. ד. - בארא פארק**

איך געדענק נישט יעצט עפעס ספעציפיש אבער יעדער וואך איז די בלעטל פון מיט לימודים און חיזוק אויף לעובדא ולמעשה און איך האב זייער הנאה פון דעם.

› **מרדכי ראזענפעלד - מאנסי**

יעצט אויף די מינוט קומט מיר גארנישט אויף די געדאנק אבער יעדע וואך איז מען זיך שטארק מחזק מיט דעם.

› **אברהם יצחק אייזנער - קרית ברסלב**

איינער פון די יסודות אין היכל הקודש איז אריינברענגען דעם אייבערשטן אין יעדע זאך.

בעצם איז א מאגאזין נישט עפעס וואס האט מיט רוחניות אבער די בלעטל האט באוויזן צו נעמען די געדאנק פון א מאגאזין אין ארייינלייגן אין דעם איין שטיק אייבערשטער. ווי מען קען זען אין די נייע קאלום "איבער אלץ אין אלעמען" ווי דער שרייבער שרייבט איבער אלע וועלטליכע זאכן און איבעראל קומט דאס צוריק צום אייבערשטן מיט שטארקע לימודים דאס איז פאר מיר די שטערקסטע חיזוק.

**יואל אפפענהיים - קרית ברסלב**

איך נעם יעדע וואך ארויס חיזוק און עצות ווי אזוי זיך צו פירן פון די צוויי אויבנדערמאנטע קאלומס וואס ווערט יעדער וואך אזוי' שיין באשריבן.

**אברהם דוד לאקס - קרית ברסלב**

איך בין זיך שטארק מחיה מיט די וועלטליכע נייעס און מיט די נייע קאלום "איבער אלץ און אלעמען" דאס געבט מיר שטארקע חיזוק ווי אזוי מ'ברענגט אריין דעם אייבערשטן אין יעדע זאך וואס טוט זיך נאר אפ אויף די וועלט.

**יואל וועבערמאן - קרית ברסלב**

איין גאר שטארקע זאך וואס איך קען זאגן אז דאס האט געטוישט מיין גאנצע שטוב, איז די פאקט אז עס קומט שוין נישט אריין קיין אנדערע ליין מאטריאל, מען ליינט דאס וואס קומט אן פון היכל הקודש.

**יצחק פאפנהיים - ירושלים**

אסאך מנהגים פונעם ראש ישיבה וואס איך האב זיך דערוואוסט דורכן בלעטל - זאכן וואס איך וואלט קיינמאל נישט געוואוסט ואכמ"ל.

**משה ראזענבערג - צפת**

איך קען נישט טראכטן יעצט אויפן מינוט וועגן א ספעציפישע זאך אבער פון די מעשיות פון תפילה נעם איך ארויס זייער אסאך חיזוק.

**מרדכי אהרן היילפרין - קרית ברסלב**

די גאנצע בלעטל יעדע וואך איז הערליך שיין און פיל מיט חיזוק מיר זענען זיך יעדער וואך עקסטער מחי' מיט דעם.

**בערל שניצלער - קרית ברסלב**

יעדער וואך נעם איך ארויס חידושים נפלאים פון די סעודה מיט' ראש ישיבה יעדער וואך איז דא דארט פרישע סחורה און בכלל איז יעדער איינציגע שורה אינעם בלעטל גאר תוכנ'דיג.

**יואל לעווי - בני ברק**

זייט די בלעטל האט אנגעהויבן ארויסקומען וועכנטליך זענען אנדערע מאגאזינען ארויס פון מיין שטוב ברוך השם, די בלעטלעך וואס איך באקום אין קאליר, בלייבט אינדערהיים מען לייגט דאס אוועק, און נאך אפאר וואכן נעמט מען עס צוריק ארויס און מען קוקט עס פריש איבער.

אסאך געדאנקען פון ארטיקלען באגלייטן מיר די גאנצע וואך, כ'האב איינמאל געליינט אן ארטיקל פון מו"ה ישראל דוד העסקל הי"ו און כ'האב דאס שוין גענוצט אן א שיעור מאל - פאר מיר און פאר אנדערע - אויף חיזוק בנוגע ליצים קעגן היכל הקודש.

**אייזיק אפפעל - קרית ברסלב**

פון יעדע זאך וואס איז דא אינעם בלעטל איז דא חיזוק יעדעס מאל טרעפט מען עפעס אנדערש. די בלעטל איז ממש א כל בו פון חיזוק ווער ס'ליינט נאר דורך דעם בלעטל וועט דארט טרעפן זיין חיזוק וואס ער וועט דעמאלט דארפן.

פראגעס און ענטפערס פון אונזערע לייער צום 200'סטן בלעטל

# וואס וואלסטו געוואלט מען זאל נאך צולייגן אדער שענער מאכן אינעם בלעטל?

**יעקב האלצער - קרית יואל**

די בלעטל איז הערליך שיין, איך בין זיך מחי מיט אלע ארטיקלען און קאלומס, אבער אויב שוין צולייגן וואלט איך געוואלט מען זאל אפשר צולייגן מער זאכן פון דער ראש ישיבה, שיינע שטיקלעך אדער באשרייבונגען און דאס גלייכן, דאס געבט גאר אסאך חיזוק און כוחות.

**יעקב שאול פיש - בארא פארק**

שכח אייבערשטער אז די בלעטל איז הערליך שיין און אנגעפילט מיט רייכע סחורה, אבער פארשטייט זיך וואס מער אינטערעסאנטע ארטיקלען און באשרייבונגען מ'קען צו לייגן וועט מען פארשטייט זיך פון דעם מער הנאה האבן.

**שבתי דוד מארקוס - וויליאמסבורג**

איך טראכט אויב גייט מען צולייגן זאל מען אפשר מאכן אביסל שענערע גרעפיקס מער אפ טו דעיט ווי מען זאגט, ס'זאל זיין געשמאקער צו ליינען.

**הרב יואל טייטלבוים - קרית יואל**

דאס איז צו א שווערע שאלה ווייל ביי מיר איז דאס די שענסטע אויסגאבע אין די וועלט דאס איז די שווערסטע שאלה, אזא שיינע אויסגאבע פאר די גאנצע משפחה מיר זענען זיך אזוי מחי' מיט דעם.

**אייזיק ראטה - וויליאמסבורג**

היסטאריע ווינקל וואלט איך געקענט באשטיין מען זאל באשרייבן מער אפט, בייגעלייגט מיט בילדער. סיי פון די ישיבה, ווי אויך היסטאריע פון מוהרא"ש, עס איז דא אסאך צו שרייבן, און אידן ווארטן צו הערן.

**הרב אברהם משה שטראססער - קרית ברסלב**

איך האלט אז די דעקל זאל מען אריינלייגן מער כוחות. אבער דאס איז נאר אויב די ציל פונעם קרית ברסלב בלעטל איז צו קענען אנקומען צו וואס מער היימישע שטובער מזכה נאך איינעם מיט תוכנ'דיגע ליין מאטריאל וואס איז פול מיטן רבינ'ס עצות דאן דארף דער דעקל זיין אביסל מער ציענד פאר די אלגעמיינע היימישע אידן ס'זאל זיי מער כאפן צו עס וועלן קויפן. למשל עס זאל זיין גרויסע ווערטער "היסטארישע אויפדעקונגען" אדער אינטערעסאנטע אויפרייסערישע נייעס קעפלעך עפעס מער ציענד פאר די אלגעמיינע גאס.

אויב אבער וויל מען אז ס'זאל בלייבן נאר פאר אנשי שלומינו דאן איז די דעקל זייער גוט און פיין.

**ארי פיש - קרית ברסלב**

איך וואלט זייער שטארק געוואלט אז מ'זאל צולייגן א קאמיקס ביי די קינדער אפטיילונג, איך טראכט אז דאס קען זיין זייער א שטארקע זאך וואס קען ציען קינדער זאלן עס וועלן לייענען.

**א. ד. - בארא פארק**

וואס מער ארטיקלען! די ארטיקלען זענען זייער געשמאק צו ליינען און ס'איז פון מיט חיזוק און פראקטישע עצות, הלוואי זאל מען לייגן וואס מער פון דעם.

די גרעפיקס וואלטן געקענט זיין שענער מער היינטיג, אויך טוט עס מיך וויי אביסל פארוואס עס ליגט נישט אין די געשעפטן אז נאך אידן זאלן זיך קענען מיט דעם מחי' זיין.

**מרדכי ראזענפעלד - מאנסי**

איך האב זייער שטארק הנאה וועו מו"ה יואל מנחם גרשון שניצלער הי"ו שרייבט א בריוו פאר די מערכת, ער איז גאר א גרויסער קענער, און איך האב זייער הנאה צו ליינען זיינע בריוו. אפשר וואלט כדאי געווען אויב ער קען אנהייבן שרייבן א וועכנטליכן קאלום פון דעם, וואלט איך זייער הנאה געהאט.

**אברהם יצחק אייזנער - קרית ברסלב**

די בלעטל איז זייער שיין איך האב פון דעם געוואלדיג הנאה ווי אזוי ס'איז, איך בענק זיך נאך די 'צום פינטל' קאלום, הלוואי וועט דער שרייבער צוריק אונז מהנה זיין מיט זיינע וואונדערליכע שרייבווערק.

**יואל אפפענהיים - קרית ברסלב**

פון מיין זייט דארף מען גארנישט צולייגן איך בין העכסט צופרידן ווי אזוי ס'איז.

**אברהם דוד לאקס - קרית ברסלב**

אויב קען מען פארברייטערן די נייעס חלק וואלט איך שטארק הנאה געהאט.

**יואל וועבערמאן - קרית ברסלב**

איך וואלט געוואלט מען זאל צולייגן א נייע קאלום פון "אינטערוויו'ס", אינגעלייט זאלן פארציילן ווי אזוי זיי זענען מקורב געווארן, איך מיין דאס וואלט געקענט זיין גאר אינטערסאנט און תוכנ'דיג אויף לעובדא ולמעשה.

**יצחק פאפנהיים - ירושלים**

הלוואי וואלט געווען יעדע וואך אן ארטיקל געשריבן דורך דעם ראש ישיבה שליט"א.

**משה ראזענבערג - צפת**

ס'איז הערליך שיין! איך קען נישט טראכטן פון עפעס וואס מ'קען שענער מאכן.

**מרדכי אהרן היילפרין - קרית ברסלב**

ס'איז הערליך שיין איך האב עס זייער ליב.

**בערל שניצלער - קרית ברסלב**

אויב קען מען צולייגן א רייכע "אינטערוויו" יעדע וואך וואלט איך שטארק הנאה געהאט.

**יואל לעווי - בני ברק**

שענער איז נישט פארהאן, ס'איז א מחי' כפשוטו וכמשמעו, פאר גרויס און פאר קליין, כ'האב ברוך השם קינדער פון בעבי'ס ביז גרויסע בחורים, אלע זענען זיך מחי'.

אויב מעגליך וואלט איך געוואלט זאגן איין הגה, אז מו"ה משה ארי' הי"ו זאל פרובירן צו שרייבן מער אידיש און ווייניגער ענגליש, ער שרייבט אזוי זיס, און א שאד אז מ'פארשטייט נישט אלעס דא אין ארץ ישראל.

**אייזיק אפפעל - קרית ברסלב**

ס'איז נישט שייך פאר מיר צו זאגן וויל איך בין נישט קיין שרייבער איך פארשטיי נישט ווי אזוי אן ארטיקל דארף געשריבן ווערן אבער די וואס שרייבן טוען אזא געוואלדיגע ארבעט ברוך השם יעדער האט זיין אייגנארטיגע וועג פון ארייננברענגען דעם רבינ'ס למודים, עצות און חיזוק.

## וואלסטו געוואלט מען זאל טוישן די נאמען פונעם בלעטל אדער זאל עס בלייבן מיט דעם נאמען?

פראגעס און ענטפערס פון אונזערע לייענער צום 200'סטן בלעטל

**יעקב האלצער - קרית יואל**

ניין ׳קרית ברסלב בלעטל׳ איז זייער א שיינע נאמען, איך גלייך דאס זייער.

**יעקב שאול פיש - בארא פארק**

ניין די נאמען דארף מען נישט טוישן ס'איז זייער א שיינע נאמען און דער עיקר איז איר זאלט מצליח זיין מיט אייער ארבעט און מאכן ווייטער שיינע געשמאקע תוכנ'דיגע ליין מאטריאל פאר די גאנצע משפחה.

**שבתי דוד מארקוס - וויליאמסבורג**

איך ווייס נישט אויב מ'דארף טוישן דעם נאמען אבער אויב קומט א נייע נאמען וועל איך דאן זיכער האבן עפעס א דעה...

**הרב יואל טייטלבוים - קרית יואל**

דער רבי זאגט כי אני ידעתי כי גדול ה׳ ס'איז נישט דא קיין נאמען פאר עפעס וואס איז אזוי גרויס, אויפן בלעטל קען מען זאגן אז יעדע נאמען וואס מ'וועט געבן וועט זיין צו ארעם פאר אזא רייכע שיינע אויסגאבע.

מען קען אפשר זאגן אז די בלעטל איז אויך די ערשטע זאך וואס נח האט געטראפן נאכן מבול, אז אין אזא וועלט וואס ס'טוט זיך אפ אזא מבול - ספעציעל מיט ליין מאטריאל און צייטונגען - קומט ארויס אזא שיינע בלעטעלע צו פארענדיגן און אפשטילן דעם מבול.

**אייזיק ראטה - וויליאמסבורג**

די נאמען איז זייער שיין צוגעפאסט צום בלעטל.

**הרב אברהם משה שטראססער - קרית ברסלב**

לדעתי איז די נאמען ׳בלעטל'זייער גוט.

**ארי פיש - קרית ברסלב**

קרית ברסלב בלעטל איז א פערפעקט נאמען.

**א. ד. - בארא פארק**

ניין, "בלעטל" איז א גוטע נאמען, עס איז קורץ און צו די פוינט.

**מרדכי ראזענפעלד - מאנסי**

איך טראכט אז עס הייסט "קרית ברסלב בלעטל" אבער למעשה היינט דעקט עס שוין די גאנצע וועלט, איז אפשר וואלט כדאי געווען דאס צו טוישן צו עפעס וואס זאל דאס מער פארשטעלן.

**אברהם יצחק אייזנער - קרית ברסלב**

איך מיין די בלעטל איז זייער א שיינע נאמען, טוישן א נאמען איז נישט קיין פשוטע זאך.

**יואל אפפענהיים - קרית ברסלב**

אינעם נאמען האב איך עכט נישט וואס ארייננצורעדן, עס איז זייער גוט וויאזוי עס איז יעצט.

**אברהם דוד לאקס - קרית ברסלב**

ס'איז זייער א שיינע נאמען וואס ברענגט ארויס זייער גוט דאס וואס די בלעטל איז.

**יואל וועבערמאן - קרית ברסלב**

קרית ברסלב בלעטל איז זייער א שיינע נאמען.

**יצחק פאפנהיים - ירושלים**

איך האלט אז מען דארף טוישן די נאמען, לדעתי איז "קרית ברסלב בלעטל" א מושג/שם דבר, און נישט א נאמען פון א צייטונג. קרית ברסלב איז דער וואס גיבט עס ארויס, עס דארף זיין א עקסטערע נאמען פארן אויסגאבע וואס קרית ברסלב גיבט ארויס, געב א קוק ביי די קהילות אין די וועלט וועסטו נישט זען מען זאל געבן א נאמען פאר די אויסגאבע די נאמען פון די קהילה אדער פונעם שטאט וואו מען וואוינט, די אויסגאבע האט א באזונדערע נאמען.

**משה ראזענבערג - צפת**

איך מיין אז ס'איז זייער א גוטע נאמען, מען דארף עס נישט טוישן.

**מרדכי אהרן הײלפּרין - קרית ברסלב**

ניין ס'איז זיינע א שיינע און צוגעפאסטע נאמען.

**בערל שניצלער - קרית ברסלב**

די נאמען איז גוט, איך טראכט נאר אז עס דארף זיין די ווארט "בלעטל" אין גרויס און די ווערטער "קרית ברסלב" אין קליין, ווייל למעשה איז "בלעטל" די נאמען וויאזוי מען רופט עס.

**יואל לעווי - בני ברק**

ס'וואלט געווען זייער ראטזאם צו טוישן די נאמען, ווייל יעדער רופט דאס אנדערש, די בלעטל, די שטעטל, די קרית ברסלב בלעטל, און אגב יעדער גליון הייסט א בלעטל, אויב ס'וועט האבן א ספעציעלע נאמען וועט מען בעסער וויסן פון וואס מ'רעדט.

און צום סוף וויל איך דאנקען דעם אייבערשטן אויף שיקן אזעלכע טייערע שליחים ובראשם ידידי עוז איש המעש וברוך הכשרון מו"ה אברהם הערש הי"ו, וואס טוען דעם הייליגן רצון פונעם ראש ישיבה צו מחזק זיין אידישע שטיבער, ולגדל ולקדש שמיה רבא, אשריכם ישראל.

**אייזיק אפּפּעל - קרית ברסלב**

איך זע נישט פארוואס מ'זאל דארפן טוישן די נאמען, די נאמען "בלעטל" איז מרומז דאס בלעטל גמרא וואס דאס נעמט ארום די מענטש מיט די פיר מלאכים וואס זענען מרומז אינעם ווארט גמרא ג'בריאל מ'יכאל ר'פאל א'וריאל דאס טוט די בלעטל מיט אונז, ס'ברענגט אריין אין אונז "אייבערשטער" די נאמען איז זייער צוגעפאסט.

מיר זענען נישט אנגעקומען צו פרעגן יעדן איינעם די שאלות, אויב שפירט איר אז עס איז דא וואס מען קען מאכן שענער און בעסער, לאזט אונז וויסן און מיר וועלן עס נעמען אין באטראכט מיטן אייבערשנט'ס הילף.

אזוי אויך אויב איינער שפירט אז ער וואלט געקענט בייהילפיג זיין מיט סיי וואס, זאל ער אונז מעלדן.

פראגעס און ענטפערס פון אונזערע לייענער צום 200'סטן בלעטל



# "מעשיות פון תפילה"

### ישראל דוד העסקעל- לאנדאן:

איך האב די זכי' צו שרייבן ארטיקלען פארן בלעטל יעדע וואך, איך בין געווען אנגעגרייט מיט ארטיקלעך פאר אפאר וואכן פאראויס, עס האט אויסגעקוקט אז אלעס פארט פיין ברוך השם.

ביז לעצטענס ווען די ארטיקלען האבן זיך צוביסלעך אנגעהויבן אויסליידיגן, און אויך איז איין ארטיקל נישט אריין צוליב דעם וואס דער געטרייער רעדאקטער פונעם בלעטל האט געזאגט אז דאס דארף מען נאך איבערמאכן עס איז נאכנישט ראוי להעלות על שלחן מלכים.

איך האב שטארק געבעטן דעם אייבערשטן איך זאל ווייטער האבן פיינע פרישע סחורה פאר יעדע וואך אן קיין אפשטעל, כדי ווייטער צו מהנה זיין דעם עולם. שכח אייבערשטער אז ס'איז מיר אריינגעקומען פרישע געדאנקען וואס צו שרייבן, ווי למשל די ארטיקל פון די וואך איז עפעס וואס דער אייבערשטער האט מיר אריינגעשיינט צו שרייבן פון זאכן וואס איך האב געהערט פון מענטשן דא דארט און אזוי האט זיך צאמגעשטעלט א הערליכע ארטיקל.

### אברהם הערש וועבערמאן - קרית ברסלב:

שכח אייבערשטער פאר מיין קאר וואס איך האב די לעצטע פאר יאר וואס פארט פיין און גוט.

איין שיינעם פרימארגן איך וויל אנצינדן די קאר אבער עס גייט נישט, די פערד איז געשטארבן. וואס טוט מען יעצט? גלייך די ערשטע זאך געט מען א זאג ארויס א תפילה "הייליגער באשעפער העלף עס זאל זיך אויפוועקן פון שלאף און אנהייבן צוריק צו ארבעטן, איך דארף גיין צו די ארבעט איך האב זאכן צו ערלעדיגן, איך קען נישט אן קיין קאר (מוהרא"ש פלעגט זאגן אז די קאר איז אזוי ווי די פיס פון א מענטש, עס איז זייער שווער אן דעם, בפרט דא אין שטעטל)." למעשה האט מיר מיין שכן געבארגט א קאר צו קענען אנקומען צו די ארבעט, אבער וואס טוט מען דא מיטן טויטן קאר?

איך האב גערופן א קאמפאני וואס שלעפט אוועק קארס זיי זאלן עס טראגן צום מעקעניק עס צו פאררעכטן. איך האב נישט געוויסט דעמאלט אז די סארט ווען וואס איך האב, האט א פראבלעם אז די בעטערי גייט שנעל שלאפן, איך האב נישט געקענט אליין אויסטראכטן וואס די פראבלעם קען זיין.

איך האב געבעטן דעם אייבערשטן אז ס'זאל מיר נישט קאסטן קיין הון תועפות צו פאררעכטן, אבער אין מיין קאפ האב איך שוין געזען אז דאס גייט קאסטן אסאך געלט, ווייל דער שלעפער טראק און דער מעקעניק וועלן בעטן געהעריגע גרויסע געלטער, אבער תפילה איז שטערקער פון טבע.

למעשה איז דער שלעפער טראק אנגעקומען צו מיין הויז, אבער צוליב דעם וואס די ווען איז געליגן אינעם גאראדזש האט ער נישט געקענט דאס ארויסשלעפן פון דארט, ער האט געזאגט אז ער גייט קומען מיט א אנדערע סארט טראק. ביים סוף איז די טאג אדורך און זיי זענען קיינמאל נישט צוריק געקומען מיטן גרויסן טראק.

שפעטער ביינאכט האט דער אייבערשטער געהאלפן אז איינער האט מיר געזאגט אז מן הסתם איז די פראבלעם די בעטערי, קויף א נייע און אלעס וועט ארבעטן פיין. פאר יעצט קען מען רופן חברים זיי זאלן געבן א בָאסט, און שוין.

כך הוה איינע פון אונזערע חברים אין שטעטל איז אריבערגעקומען געבן א בָאסט און א צווייטער האט מיר געזאגט וואו צו קויפן דעם סארט בעטערי. מען האט עס אינסטאלירט פאר אפאר דאללער און די פערד האט אנגעהויבן פארן פיין ברוך השם.

שפעטער האב איך צוריק געטראכט האב איך געזען אז דאס וואס די שלעפער טראק איז נישט צוריקגעקומען איז געווען א פשוטע מעשה פון תפילה, ווייל אזוי האט מיר דאס נישט געקאסט אפאר הונדערט דאללער מער. און עקסטער האב איך געדאנקט דעם אייבערשטן אז איך בין געוואויר געווארן וואס די פראבלעם איז און מען האט דאס געקענט פאררעכטן פאר א נישטיגע פאר דאללער.

# א בריוו

פונעם ראש ישיבה שליט"א

בְּעֶזְרַת ה׳ יִתְבָּרֵךְ - עֶרֶב שַׁבָּת קוֹדֶשׁ פַּרְשַׁת וַיִּשְׁלַח, י"ח כִּסְלֵיו, שְׁנַת תשפ"ד לִפְרָט קָטָן

לְכָבוֹד מַיין טַייעֶרֶער אַבְרָהָם הֶערְשׁ נֵרוֹ יָאִיר

אַ גְרוֹיסְן יְיַשֵׁר כֹּחַ פַאר דִי הֶערְלִיכֶע רֵיינֶע מַאגַאזִין "קִרְיַת בְּרֶסְלֶב בְּלֶעטְל" וָואס דוּ גֶעבְּסְט אַרוֹיס מִדֵי שָׁבוּעַ בְּשָׁבוּעַ, **בַּיי מִיר אִין שְׁטוּבּ אִיז נִישְׁטָא קַיין שׁוּם לַיין מַאטְרִיַאל, נָאר דִי קִרְיַת בְּרֶסְלֶב בְּלֶעטְל,** דָאס לַיינֶען מִיר; עֶס אִיז אָנְגֶעפִילְט מִיט אֱמוּנָה, תְּפִלָּה, לֵיצָנוּתָא דַעֲבוֹדָה זָרָה אוּן מִיט חִיזוּק אוּן שֵׂכֶל פוּן רֶבִּי'ן בְּנֶסַח הֵיכַל הַקוֹדֶשׁ, וִוי מִיר הָאבְּן מְקַבֵּל גֶעוֶוען פוּן מוֹהֲרָא"שׁ זְכוּתוֹ יָגֵן עָלֵינוּ.

אִיךְ וִויל בַּאמֶערְקְן אַ קְלֵיינֶע בַּאמֶערְקוּנְג, פָּארִיגֶע וָואךְ, פַּרְשַׁת וַיֵּצֵא אִיז גֶעוֶוען אִינֶעם בְּלֶעטְל צְוֵויי וֶוערְטֶער, וָואס אִיךְ בִּין זִיכֶער אַז דֶער שְׁרַייבֶּער וֵויסְט נִישְׁט אַז דִי וֶוערְטֶער שְׁרַייבְּט מֶען נִישְׁט, עֶס אִיז דָא אָן אוֹיסְדְרוּק: "עֶס וֶועט נִישְׁט הֶעלְפְן קַיין פּוֹדֵינוּ וּמַצִּילֵנוּ"; דִי וֶוערְטֶער זָאגְן מִיר צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן, דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער אִיז אוּנְזֶער אוֹיסְלֵייזֶער אוּן אוּנְזֶער הֶעלְפֶער, אִיז אַזוֹי וִוי עֶר וֶועט זִיךְ נִישְׁט דֶערְוַואגְן צוּ שְׁרַייבְּן "עֶס וֶועט דִיר נִישְׁט הֶעלְפְן גֵיין צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן" - טָאר מֶען דִי וֶוערְטֶער אוֹיךְ נִישְׁט זָאגְן. שָׁמַעְתִּי אַז דֶער אוֹיסְדְרוּק קוּמְט פוּן מִינִים וְאֶפִּיקוֹרְסִים.

**חַזֵק וֶאֱמָץ מִיט דִי הֵיילִיגֶע אַרְבֶּעט,** מְגַלֶּה זַיין וּמְפַרְסֵם זַיין פַאר אַלֶעמֶען דֶעם רֶבִּינְ'ס עֵצוֹת, דִי אֱמוּנָה, דִי עֵצָה פוּן הִתְבּוֹדְדוּת.

אַ גוּט שַׁבָּת.

# א שיחה

פון דער

ראש ישיבה שליט"א



## זאת חנוכה

**איינמאל הָאט דֶער רֹאשׁ יְשִׁיבָה ארויסגעברענגט די גרויסקייט פון זאת חנוכה און געזאגט:** וואס איז טאקע די זאך אז זאת חנוכה איז די גמר פון אלע תיקונים? אולי אפשר לומר, גאנץ אלול און תשרי איז מען עוסק בעיקר אין תפילה ובקשה, מען בעט און מען בעט דעם אייבערשטן, תפילה אן הודאה איז נישט קיין שלימות, יעצט סוף חנוכה נאך א גאנצע וואך חנוכה, א צייט פון דאנקען און לויבן דעם אייבערשטן - ווערט די גמר פון אלע תיקונים; ווייל ווען מען האט ביידע זאכן, סיי תפילות און סיי תודה והודאה - דאס איז די העכסטע זאך, ווען מען בעט און מען לויבט.

עס ווערט געברענגט פון צדיקים (בת עין פרשת וישב, בשם האריז"ל) אז אלע תיקונים וואס הייבן זיך אן ראש השנה ווערן נגמר זאת חנוכה. דארפאר זאלסטו זען אויסצוניצן דעם גרויסן טאג בתורה ותפילה; בעט דעם אייבערשטן פאר דיר און פאר דיין משפחה און פאר גאנץ כלל ישראל. אזוי פיל אידישע שטובער זענען צעבראכן אוןווארטן אויף א ישועה, ווער ווארט נישט אויף א ישועה; כלל ישראל איז אין א מצב וואס מען דארף זייער אסאך רחמי שמים, מיט אונזערע תפילות וואס מיר בעטן דעם אייבערשטן קענען מיר העלפן אלעמען.

דער רבי זאגט (שיחות הר"ן, סימן ע): "היתכן מיר לאזן דעם אייבערשטן מאכן גזירות אויף אידישע קינדער, ווען מיר וואלטן ווען מער געבעטן פאר אידישע קינדער וואלטן אלע גזירות בטל געווארן"; מען דארף בעטן דעם אייבערשטן סיי פאר זיך און סיי פאר אלע אידן, מען דארף טענה'ען מיטן אייבערשטן ער זאל רחמנות האבן אויף זיינע קינדער. וויפיל אידן ליידן נעבעך ביטערע מחלות, וויפיל אידישע פארפעלקער ווארטן אויף קינדער, וויפיל בחורים און מיידלעך ווארטן אויף זייער שידוך, וויפיל אידן דארפן פרנסה, מיר קענען העלפן אלע אידן אז מיר וועלן מתפלל זיין פאר זיי.

(מכתב ד׳ ויגש תשע"ח - א׳ ויגש זאת חנוכה תשפ"ג)

משה ארי׳ שניצלער

# רויטע קנעפלעך





אז מ׳גייט אריין אין שפילצייג געשעפט און מ׳קויפט קלעי׳, playdough, קען מען מאכן פון דעם וואס מ׳וויל, א טיש, א בענקל, א מנורה, א דריידל, א מצה, א ל״ג בעומר שיסער, א רעבישע קעדילעק, רעבישע פארענטשעס, ועוד ועוד.

א מענטש איז א קלעי׳, וואס מ׳קען אויספארעמען אדער צום גוטן אדער צום שלעכטן, פון ווען א מענטש איז געבוירן, ביז ווען ער איז שוין אין די עלטערע יארן איז אלץ דא זאכן וואס העלפן פארמירן די מח פון דעם מענטש.

די גליקליכערע פון צווישן אונז זענען די וואס נוצן א צדיק אויסצופארעמען אונזער מח.

למשל, איינער נעמט מוהרא״ש פאר אן עקזעמפל. אז מוהרא״ש האט עס געמאכט against all odds, איז א סימן אז איך קען עס אויך מאכן.

מוהרא״ש האט געזאגט ברבים אן א שיעור מאל אז ער איז געווען א ווילדער בחור, ער האט נישט געוואלט לערנען, און דעם רבינ׳ס ספרים האט אים איבערגעדרייט מקצה אל הקצה. מוהרא״ש איז א סעמפל פון א סוקסעס סטארי, מוהרא״ש׳ס בקיאות דארף מען נישט דערציילן, מ׳קען עס זען אין זיינע ספרים. און נאך א זאך וואס מ׳זעט ביי מהרא״ש, וואס נישט יעדער איז זוכה, אז ער האט איבערגעלאזט א impact, נישט סתם גערעדט עצות, נאר געמאכט א ענדערונג אין מענטשנ׳ס לעבן, אויף בפועל ממש, אפילו נאך זיין הסתלקות.

א מענטש וואס קוקט א גאנצן לעבן אויף א צדיק קען זיך שיין אויספארעמען זיין מח און מצליח זיין אנצוקומען צו גרויסע דערגרייכונגען.

מענטשן מיינען אז איינער גייט נאך א צדיק און א צווייטער גייט נישט נאך א צדיק, נאר ער וואקסט פשוט פון זיך אליין, דאס איז נישט ריכטיג, יעדער ווערט אינפלוענסד פון אנדערע מענטשן, אדער פון א צדיק, אדער פון א שרייבער, אדער פון א זינגער, אדער פון א הערינג-איינטונקער, אדער פון א יארצייט-מעשה-דערציילער, אדער





פון א פעטער, אדער פון א קאזין, אדער פון א ברודער, אדער פון א שוואגער. אסאך מענטשן זענען פארשטייט זיך אינפלוענסד פון זייער טאטע, און אזוי ווייטער.

ס'איז אויך דא אסאך מענטשן וואס זייער גאנצע קעפעלע ארבעט מיט opposite influence. ער האט איינעם וואס ווי אים וויל ער "נישט" זיין, קענסט מיין פעטער מענדעלע? יא, דער וואס גייט מיט די מצה שטריימל פון בלויז פופצן אינטשעס הויך.... נעבעך ער ווייסט נישט פון זיין לעבן צו זאגן, ער נעמט נעבעך נישט קיין חופה-גראמער ביי זיין זון'ס חופה, אוי האט מיין קאזין געהאט בושות ביי די חופה, ס'איז געווען אזוי נעבעכדיג, סתם פארשעמט זיין זון על לא דבר, ער גייט שוין צוויי מאל א וואך אויף טרעפי אויף זיך אויסצוהיילן פון די חופה-אן-א-בדחן-קאשמאר. ווי פעטער מענדעלע וויל איך "נישט" זיין. אויף ענגליש הייסט עס "עי. בי. עם." (עניטינג באט מענדעלע).

ס'איז דא אויך אזוינע וואס האבן נעבעך אפפאזיט אינפלוענס מיט זייער אייגענע טאטע..... אוי פארוואס בין איך געבוירן אין אזא נעבעכדיגע משפחה?! פארוואס האב איך נישט א מעטשינג סידור צו מיין תפלין בייטל?! וויאזוי וועל איך קענען מצליח זיין אין לעבן?! וויאזוי קען איך דאווענען אין א פלעינע סידור פון די שול?! איך דארף טרעפי!! העלפפפפ!!! העלפפפפ!!!!!! ראטעוועט!!!!! מיין טאטע מאכט מיך דאווענען אין א שול-סידור!!!!! ראטעוועט!!!!

ס'איז דא וואס רופן עס בעק פייער, שמעק פייער, ס'מאכט נישט אויס די נאמען, יעדער האט עפעס אן אבסעסיע, יעדער האט א זאך וואס ער וויל צו דעם אנקומען נאו מעדדער וואהאט, יעדער האט עפעס א זאך וואס מ'רופט אין אמעריקע, keep your eyes on the prize. האלט דיין אויג אויף די לעצטע זאך וואס דו ווילסט באקומען, למשל אויב דו זאגסט משניות וועסטו נישט וועלן קוקן נישט גוטע זאכן,






**אויב דו וועסט זאגן גמרא וועסטו האבן ברייט פרנסה**

אויב דו וועסט זאגן גמרא וועסטו האבן ברייט פרנסה, אויב דו וועסט רעדן שיין צו דיין ווייב, וועט דיין קינד נישט האבן קיין אפפאזיט אינפלוענס קעגן זיינע עלטערן און קעגן אידישקייט.

אבער דאס איז קלאר, אז יעדער מענטש האט עפעס א "אינפלוענסער" וואס ער ווערט נשפע פון יענעם, ביודעים אדער בלא יודעים.

שלום'קע איז געווען א טייערע תמימות'דיגע נשמה, זיינע עלטערע ברודערס זענען געווען גאר גאר שארף, זייערע קעפעלעך זענען געווען געשליפן און גערייבן, שלום'קע'ס אינגערע ברודערס זענען געווען מער אויף די לאצי'דיגע זייט, די גאנצע קלאס האט געמאכט פון זיי דאס גענאר, דער באס-רבי' וואס האט געגריסט א זיסן גוט מארגן ביי די טיר פון די באס פלעגט טרייבן פון זיי ליצי' ליצנות ווען מ'האט זיך אייגעדרייט בי די קארנער און די עלטערן האבן



**פעטער חזקי האט א יוקאן דינאלי מיט גלאנציגע רעדער**

פעטער אהרן איז א קלוגער איד, אלע זענען זיך שואל עצה מיט אים, ווער עס שמועסט מיט אים איז זיך מחי' פון זיינע עצות, א שטיק שכל, א שטיק בר דעת, ער לערנט זיבן אכט שעה א טאג, און זיין ריעל עסטעיט ביזנעס פארט שוין צוואנציג יאר על מי מנוחות.

שלום'קע האט א גרויסע דילעמע, איין טאג וויל ער זיין ווי חזקי און איין טאג ווי פעטער אהרן, אבער קיינמאל וויל ער נישט זיין ווי שלום.

ס'איז געווען א איד אין רוסלאנד וואס איז אים געבוירן א אינגעלע, לויפט ער צום שכן פרעגן, וואס זאל איך שרייבן אין די בערט סערטיפיקעט? צוויי יאר פריער? אדער צוויי יאר שפעטער? אויב איך שרייב אז ער איז געבוירן צוויי יאר פריער, וועט ער אפשר פריער קענען ארויספארן פון די רוסישע גן עדן, אויב איך שרייב צוויי יאר שפעטער וועט ער האבן מער צייט זיך צו ספראווען מיט'ן איינרוקן אין די ארמיי, פרעגט דער שכן, אפשר שרייבסטו אז ער איז היינט געבוירן? זאגט ער, אה, דאס איז מיר נישט בייגעפאלן.... דו ווילסט זיין ווי דעם און ווי יענעם, אפשר ווילסטו שוין איינמאל זיין ווי דו?! אפשר איז "שלום'קע" אויך א געלונגענער מענטש און ס'לוינט זיך צו זיין ווי ער?! אה, דאס איז מיר נישט בייגעפאלן.

שלום'קע'ס זון איז שוין צוועלף יאר, מ'האט שוין באשטעלט תפלין. היינט גייט מען באשטעלן די תפלין בייטל מיט די עכטע הויטעלע פון די עכטע קיעלע, איך בין מער נישט קיין לאצי, מיין זון גייט שעפן קאנפידענס פון ארומגיין מיט א שוין געענדיגט ווייזן "בייביי" "איי לאוו יו סאו מאטש"

שלום'קע איז געווען נישט פון די שטארקע מוחות וואס קענען טראכטן אליין. שלום'קע האט געהאט צוויי גרויסע אינפלוענסערס אין זיין לעבן, פעטער אהרן און פעטער חזקי, צוויי פארקערטע וועלטן. דאס איז די סיבה פארוואס זיין געטרייער געדולדיגער כתה מכינה לישיבה קטנה מגיד שיעור האט אים גערופן שלעמקע דילעמקע, על שם ה'דילעמע. יעדן טאג איז געווען א דילעמע צו ער זאל נאכגיין פעטער אהרן דער געשמאקער פעטער וואס איז א באלבאטישער איד און א בקי בש"ס און יעדער האט אים ליב, אדער פעטער חזקי וואס טשילט אויף כח, טאנצט אויף וואך נאכטס און בערטדעי פארטי'ס לייק נאו טומאררא.

פעטער חזקי האט א יוקאן דינאלי מיט גלאנציגע רעדער, און איז יעדן חול המועד אויף א העליקאפטער! ער מיט זיינע אכט טייטע buddies פארפאסן נישט קיין איין יאר פון גיין אויף קברי צדיקים אין האנאלולו און אלאסקא און סאן פראנציסקאו, מיט א קורצע וואקאציע אין נעוואדא זיך אויסצוטשוכען פון די שווערע אויסמאטערנדיגע "קברי צדיקים" רייזע.

(פרעגט נישט קיין קושיות צו ס'איז דא קברי צדיקים דארט וואו זיי גייען... רעדט נישט אויף צדיקים!)







האריגע פעלעכלדיגע תפלין בייטל, און די קאלער גייט זיין פורפל מיט פינק מיט לייט-אראנדזש! איך גיי נישט געבן פאר מיין זון א לאצי'דיגע לעבן!

ווען שלום קומט אויפפיקן די קאנפידענס בייטל איז פונקט געווען אין געשעפט פעטער אהרן, באשטעלט פאר זיין אינגסטן זון א שטילע איידעלע בייטעלע, שלום'קע פילט אביסל נישט אין פלאץ.

פעטער אהרן האט עס, מיט די טשילערס וועל איך נישט אנקומען, פעטער אהרן האט א בעסערע לעבן ווי אלע מיינע טשילער חברים.

שלום'קע האט שנעל געטווישט פון זיין נעוויגעיטער צו א האנדא אדיסי, זיינע טשילער חברים האבן געטריבן שפאס פון אים פאר דריי וואכן, און האבן אים נישט מיטגענומען דאס יאר אויף די "קברי צדיקים" רייזע אין פאנאמא.

שלום'קע האט זיך צוריק געבעטן ביי די טשילערס און געקויפט א טויזנט דאלערדיגע העמעדל פון דאלטש ענד גאבאנא מיט רויטע קנעפלעך צו ווייזן אז ער איז עכט יא א נאטורליכער טשילער, און מ'זאל אים מיטנעמען נעקסטע יאר ביי די קברי צדיקים רייזע אין יאהאנעסבורג.

**מאך נישט נאך קיינעם! לעב נישט פאר יענעם!**

דעם ערשטן טאג מיט די ווייסע העמד מיט די רויטע קנעפלעך, איז ער געגאנגען צו זיין חבר דודי'ס וואך נאכט, ס'איז געווען א גרויסע שמחה, די ערשטע קינד נאך לאנגע יארן פוןווארטן. ער זיצט און טשילט מיט די חברה, וויסקי מיט וואדקא עד לב השמים, אוי לאמיר זינגען שבחים, פארן מלך מלכי המלכים, אוי פאר דיר פאר דיר, אוי נאר פאר דיר, אנת הוא מלכא..... ער האט נישט געוואוסט אז דודי'ס שווער איז שוין צוואנציג יאר א חברותא מיט פעטער אהרן, זיי האבן שוין דורכגעלערנט גאנץ ש"ס צוזאמען, פעטער אהרן קומט אריין און שלום'קע פילט זיך אביסל פארשעמט צווישן די ליידיגע ביר פלעשלעך. מארגן צופרי הייב איך אן לעבן אזוי ווי פעטער אהרן.

איך האב אן עצה פאר דיר! מאך נישט נאך קיינעם! לעב נישט פאר יענעם! מאך דיך אליינס נאך! דיין נשמה איז א שטיק אייבערשטער! דיין נשמה איז די חשוב'סטע זאך אין די וועלט! דיין נשמה בענקט צום אייבערשטן! מאך נאך דיין נשמה, און בענק צום אייבערשטן! זאג עס ארויס מיט די מויל! הייליגער באשעפער, וואס וויל איך זיין?! ווי וועם וויל איך זיין?! אוי באשעפער שיק א רפואה שלימה אויף מיר און אויף מיין קעפעלע אמן סלה! באשעפער העלף איך זאל האלטן פאוקוס! העלף איך זאל נישט ארומשווימען אין עולם הדמיון! באשעפער העלף איך זאל געפעלן נאר פאר דיר! הייליגער באשעפער ס'איז דאך אזוי שווער צו לעבן פאר מענטשן! געב מיר א געזונטע גראדע מח! הייליגער באשעפער נאר דו קענסט מיר העלפן!

# א שידוך פון
# משה רבינו מיט ר' עקיבא איגר

ישראל דוד העסקעל

**משה** זאב מיין יוגנט פריינט איז אלץ געווען אן אוזן קשבת, יעדער איינער פלעגט זיך מיט אים דורכרעדן אלע זייערע ענינים און פראבלעמען, ער פלעגט גוט אויסהערן און פראבירן צו געבן גוטע עצות.

למעשה ווי די יארן זענען דורך האט ער זיך געטראפן אין מצב אז ער מוז ארויסגיין מפרנס זיין זיין שטוב.

נאטורליך איז אים די ערשטע זאך ארויפגעקומען אויפן געדאנק צו ווערן א טעראפיסט! ער קען ווייטער טון וואס ער טוט ביז יעצט, זיין דער גוטער חבר, דער אוזן קשבת, און נאך לייזן אפאר טאָלער פון דעם אויך, ס'דאך ממש געוואלדיג!

ער האט פארמאגט א געוואלדיגע ווילן צו העלפן מענטשן, א אמת'ע גוט הארץ און דא וועט ער קענען אלץ אויספירן אויף איין מאל, זיין דער גרויסער באוויסטער גוט הארץ און גלייכצייטיג ברענגען פרנסה אין שטוב.



ער לאזט זיך גראד אריין אינעם ענין ער הייבט אן דורכטון מעטאדן איינס נאכן אנדערן, צוביסלעך נאכן דורכבלעטערן טעליכע און צוואנציג ביכער הייבט ער שוין אויך אן צו האבן א דעה אינעם ענין, ער ווייסט שוין וועלכע מעטאד ס'איז זיכער אפגעפרעגט. אויך טראכט ער אז די מעטאד פון יענער גרויסער פראפעסאר דאס קען גאר גוט ארבעטן פאר מלמדים...

בקיצור ער הייבט צושטייטלעך אן ווערן א מבין, יעדע שמועס וואס ער האט ווערט אן אסעסמענט. ער טוט דורך יעדע קנייטש אויפן פנים און האלבע שמייכל וואס יענער מאכט צו וויסן וואס האט דאס טאקע געמיינט...

זיינע נאנטע ידידים פאר וועמען ער איז געווען אזא שטארקע אוזן קשבת האבן אנגעהויבן פארלירן די געדולד צו אים,



ווייל ביי יעדע שמועס פלעגט קומען אזעלכע קשיות ווי 'פארוואס האסטו אזוי געשפירט?' אדער 'וואס האט דיר באמת געשטערט פון אנקומען צו דיין ציל?'

זיי האבן געשפירט ווי זיי רעדן צו א ביכל געשריבן דורך א ראבאט וואס האט נאך אין לעבן נישט באגעגנט א מענטש, ס'איז פארגאנגען די אפעטיט אים צו באגריסן. ווען איינער האט אים געזאגט אינדערפרי א פשוטער "גוט מארגן", איז אנשטאט צו צוריק באגריסן "גוט מארגן א גוט יאר" פלעגט ער פרעגן וואס איז די אמת'ע סיבה פארוואס דו באגריסט מיך יעצט? דו שפירסט זיך אומזיכער מיט דיינע לעבנ'ס באשלוסן? דו שלאגסט זיך מיט דיינע שלעכטע נאטורן? דו לאזט דיין לאו קאנפידענס דיר באהערשן?

קען מען לעבן מיט אזא מענטש? יעדער איינער וואס האט זיך אפגעשאקלט פון אים האט ער אים גלייך געגעבן אן אומזיסטע דיאגנאז. ער ווייסט שוין פונקטליך פארוואס ווען יענער געוועזענער חבר זעט אים, לויפט ער גראד אריבער צו די אנדערע זייט גאס... עפעס אפאר עי בי ס'יס און יעדער ווערט אפגעשריבן אלס א קראנקער.

די פראבלעם איז אבער געווען אז חוץ פארלירן אלע זיינע חברים האט ער נאך גארנישט ארויסגעקעשט פון זיין מיסיע פון ווערן דער גוט הארציגער אוזן קשבת טעראפיסט. קיינעם געבט נישט קיין רויטן גרייצער אן דעם וואס ער זאל פארמאגן אן אפיס מיט עטליכע פלענטס און א פיש טענק, און איבער אלעם עטליכע פיקטשער פרעימס מיט גאלדענע סטעמפס וואס באשטעטיגן אז ער איז דורכגעזעסן עטליכע קורסן און האט זיך אויסגעצייכנט צו קענען ווערן א 'לייסענסד גנב'!

וואס טוט מען דא? די ישיבות און מוסדות זאגן אז מ'וועט אים נאר שיקן בחורים און קינדער אויב וועט ער קענען באווייזן אז ער איז 'לייסענסד' מ'קען נישט געטרויען סתם יעדער שמויגער... אבער אויב האט דער שמויגער א באשטעטיגונג פון א צווייטער שמויגער דאן איז אלעס כשר וישר און אדרבה ואדרבה אפילו די געזונטע קינדער זאל מען שיקן צו אים ועל פיו יבוא ועל פיו יצא.

ער לאזט זיך ארויס אויפן יאגד זוכן דעם פאסיגן שמויגער וואס וועט אים קענען גוט אויסלערנען דעם פאך פון האלטן א פעד און זאגן "אהעם אהעם, די צייט איז שוין פאריבער, קום צוריק נעקסטע וואך מיטוואך נאכמיטאג און דאן וועלן די רעזולטאטן זיין פונקט ווי די פון היינט..."

נאכן גוט זוכן טרעפט ער א פאסיגן 'סעמינאר' וואו מ'דארף אויסהערן עטליכע שעה דרשות און שיעורים פון די גרעסטע פון די גרעסטע! דארט קומען עטליכע פלאטשיגע פראפעסארן און קעיטערן א סעמינאר פארן היימישע עולם לתועלת הענין.

סוף סעמינאר וועט זיין א לייוו חזרה וואס וועט צייגן וויאזוי מ'געבט זיך אן עצה מיט א קליענט, און נאך די גאנצע סעמינאר וועט מען באקומען א





פיקטשער פרעים מיט א צעטעלע וואס פארמאגט א גאלדענע זיגל אז דו ביסט פון היינט און ווייטער לייסענסד און סערטיפייד, און פארשטייט זיך אז כיבוד קל וועט סערווירט ווערן דורכאויס דעם גאנצן מעמד.

ער שפרינגט ארויף אויף די ווילדע מציאה, א מחי', ענדליך גייט ער קענען אביסל ארויסקעשן פונעם גאנצן געשעפט. ער חלומ'ט זיך שוין פון זיין אפיס מיטן רייזיגן בענקל, דעם גראבן געלן פעד מיט וואס ער וועט שפילן טיק טאק טאו קעגן זיך אליינס. דעם פיש טענק וואס ער וועט יעדן טאג פיטערן, און בעיקר די לעדל מיטן הויפן קעש, ס'גייט זיין פיין.

ער שרייבט זיך איין פארן סעמינאר ער נעמט דאס זייער ערנסט דאס איז די גרינדשטיין פון זיין קאריער ער גייט צו צו דעם מיט גרויס פארזיכטיגקייט און ערנסטקייט.

ער ברענגט מיט זיין געלן בוך וואו ער גייט שרייבן יעדעס ווארט וואס גייט נאר ארויסקומען פונעם פראפעסארס מויל, ער גייט יעדע זאך קענען, ער מוז זיך ארויסזען פונעם קורס מיט די פאך אין די האנט.

די פינף אלפים וואס ס'האט געקאסט צו קענען מיטהאלטן דעם פיר שעה'דיגן קורס האט ער געבארגט פון א חבר נאר ממש פאר געציילטע וואכן ביז די געלט הייבט אים אן אריינרעגענען פון צובראכענע אידישע קינדער און דערנאך וועט ער טראכטן אויב מוז ער בעצם על פי דין באצאלן ווייל ס'דאך נישט דא קיין געהעריגע שטר ס'נאר געווען היימישע מעשיות...

ער זיצט שוין ביים סעמינאר מיט די אויערן אנגעשפיצט נישט צו פארפעלן א ווארט פונעם אפגעריסענעם גולם וואס האלט די מייק אין די האנט. ער שרייבט נאך ווארט ביי ווארט. די ערשטע מעטאד ארבעט אזוי, און אויב דאס ארבעט נישט דאן דארף מען נוצן א צווייטע מעטאד וואס רופט זיך אזוי. זאכן זענען קלאר און נאכדעם ווערן זיי צומישט און נאכדעם ווערט עס ווידער קלאר און יעצט איז ער שוין צומישט.

אזוי פליט אריבער די צייט, ס'איז געבליבן נאך צוואנציג מינוט און יעצט גייט מען פארשפילן לייוו א סצענע פון א טעראפיסט מיט א פאציענט. דער פראפעסאר פרעגט ווער וויל שפילן דעם פאציענט?

ער הייבט אויף די האנט און מאכט ההההההה אזוי ווי אין חדר 'איך איך', ער איז אזוי ענטוזיאסטיש ער איז פולקאם גרייט. דער פראפעסאר רופט אים ארויף אויפן בימה און פרעגט ווער וויל שפילן דעם טעראפיסט?

א צווייטער מוצלח קומט ארויף ער איז גרייט צו שפילן דעם טעראפיסט! געוואלדיג! דער פראפעסאר זעצט זיך ביי דער זייט און זאגט פאר די צווי ליצים







אויפן בימה איך וועל ענק באטראכטן עס שפילט כאילו ס'איז אן אמת'ע סעשאן יעצט.

דער וואס שפילט טעראפיסט הייבט אן: גוט מארגן וואס מאכסטו? ווי אזוי פילסטו?

אונזער חכם צערטלט נישט ער גייט גראד צום פוינט איך שפיר זיך זייער אומזיכער און ליידיג.

פארוואס? וועלכע זאך מאכט דיר שפירן אזוי?

איך וועל דיר זאגן, איך וויל ווערן א טעראפיסט אבער דערווייל גייט מיר גארנישט, קיינע קליענטן האב איך נישט איך ווער משוגע מיטן טאג איך קען זיך נישט ארויסזען פון בעט איך ווייס נישט וואס צו טון!

אהא זייער שטארק וואס דו זאגסט. ווען בעיקר פילסטו דער צובראכנקייט? ווען געשעט עס? ס'געשעט גראד ווען דו שטייסט אויף אדער פאסירט דאס אויב איינער טשעפעט דיר? אפשר גאר ביים גיין שלאפן? ווען הייבסטו אן שפירן צובראכן?

גראד ווען איך שטיי אויף! אזוי ווי איך עפן נאר מיינע אויגן פאסירט עס.

איז אפשר דארפסטו האבן א סקעדשול, א געהעריגע סדר היום וועסטו נישט אזוי שפירן.

זיכער דארף איך א סדר היום ענטפערט ער אבער א סדר היום איז נאר דא ווען איך ווייס ווי אזוי אנצופילן דעם יום דערווייל האב איך נישט וואס צו טון מיטן ליידיגן טאג.

און דאס מאכט דיך פילן ווי אזוי דו שפירסט? פרעגט ער שוין האלב אומזיכער בשעתן קוקן אויפן פראפעסאר צו מאכן זיכער אז ער פרעגט גוט און די פראפעסאר שאקלט מיטן קאפ ווי צו זאגן "טאמבס אפ" זייער גוט גיי ווייטער.

די צוויי האבן זיך געדרייט אין א ראד אן קיין וועג ארויס... די טערעפי וועלט ווייסט נישט אז מ'קען זאגן פרקים משניות און דפים גמרא, ער קען אים נאר דרייען און דרייען ביז ער ווערט צודרייט.

דער זייגער ווייזט אז דו קורס איז אריבער, דער פראפעסאר האקט אריין דעם פארלוירענעם סעשאן פון די צוויי קליענטן, און זאגט יעדער זאל פאר זיי פאטשן, זייער גוט פארגעשפילט דעם בוידעם קלאץ מעטאד, יעצט קען יעדער באקומען דעם פיקטשער פרעים מיטן סערטיפיקעט. דער פראפעסאר פילט זיך אן זיינע טאשן און משה זאב נדחף אל ביתו אבל וחפוי ראש צוטומעלט און





צומישט, ער ווייסט נישט ווי אזוי צו טראגן זיין לעבן ווייטער.

עטליכע חדשים זענען אריבער און משה זאב הייבט אן שם'ן אלס א שם דבר אינעם טערעפי' וועלט, ער ניצט נייע מעטאדן ס'איז ממש מורא'דיג, קוק נאר זיין אפיס וועסטו שוין אלעם פארשטיין, א טערעפי אפיס מיט יעדע מין פיטשעווקע וואס די דמיון ערלויבט נאר, און מיט אזא אפיס מוז דאך זיכער זיין אז ער איז גאר געלונגען...

איין טאג טרעפט ער מיר און זאגט מיר אן אינטערעסאנטע זאך וואס ער האט אויפגעכאפט, אז זיינע קליענטן רעדן זיך אויס צו אים און פארענטפערן זיך פאר אלע שטותים וואס זיי טוען, פון דער אנדערע זייט האט ער א שוואגער אן אידעלע אינגערמאן וואס איז מקורב צו היכל הקודש און יעדער מאל ער רעדט מיט אים רעדט ער פונקט א פארקערטע שפראך. למשל איך האב א קליענט שוין בן ארבעים וואס גייט שוין אדורך א מידלייף קריזיס ער הערט זיך נישט אויף אפרעדן אז ווי גרויס די יאר איז עפענט ער נישט קיין ספר ער לערנט נישט קיין אידיש ווארט, און יעדעס מאל ווען ער טראכט נאר אז ער גייט לערנען ווערט ער פארשפילט מיט שטותים, ס'גייט אים נישט.

ווידער דער ברסלב'ער אידל זאגט אים ביי א משפחה שמחה אז ווי ער גייט נעמט ער מיט א קליינע משניות אין טאש, און דער שוואגער זאגט אים "איך האף ביזט נישט ברוגז אז איך זיץ דא מיט א משניות, דער רבי זאגט אז מ'זאל זאגן די ווערטער אפילו מ'פארשטייט נישט ווייל צום סוף וועט מען פארשטיין".

אויך זאגט ער אז א קליענט האט זיך ממש צו וויינט אין זיין אפיס אז ער איז בעל חוב עצום ער האט חתונה געמאכט שוין צוויי קינדער און האלט יעצט פארן חתונה מאכן דעם דריטן, ער שפירט ווי ס'קוועטשט אים שוין ביים הארץ ער קען



נישט דערהייבן די חובות ער האט נישט מושג פון וואו אין די וועלט ער וועט דאס קענען באצאלן, אבער מוזט פארשטיין איך קען נישט חתונה מאכן אן קיין קארווינג סטעישאן מ'דארף דאך זיין נארמאל!!!

פון די אנדערע זייט האב איך געהאט א חבר א ברסלב'ער וואס האט חתונה געמאכט זיין זיבעטע קינד טאקע ביי ענק אין בית המדרש, און דער מחותן זאגט מיר "זייט נישט ברוגז אויב איז נישט דא קיין צוועלף פערזאן קווייער מיט שמארגעז באורד פון איין עק זאל צום צווייטן, אנגעגרייט ספעציעל פארן גארבידש אבער איך בין נישט פאר קיינעם שולדיג קיין רויטן גרייצער".

ווידער זאגט ער האב איך געהאט צוויי וואכן צוריק א קליענט וואס האט ממש געוויינט, ער האט בחור ממש א ר' עקיבא איגר! יא ממש אזוי, פארשטייט זיך אז איך קען נישט נעמען פאר אים 'סתם' א שידוך. דער בחור גייט שוין זיך יערן די פינף און צוואנסטיגסטן יאר און די טעלעפאן קלינגט שוין נישט אפילו...

גראדע דארט איז געווען אן אינטערעסאנטע מעשה ווייל איך האב שיעור געמאכט דארט א שידוך ווייל





מיין נעקסטע קליענט יענעם טאג איז געווען כמעט די זעלבע מעשה. קומט אריין א איד און ממש ער וויינט ער קען דאס שוין נישט נעמען ער ווייסט שוין נישט וואס צו טראכטן זיין טאכטער איז שוין פיר און צוואנציג, זי איז אזא מצוינת און מ'האט נאך גארנישט אנגעטראגן עפעס גענוג פאסיג.

איך גיי נישט זאגן אז איך זוך נאך משה רבינו ממש זאגט דער איד אבער עפעס אזאנס זוך איך... וואס טוט מען?

איך האב געטראכט צו זיך אז אפשר קען איך דא מאכן עפעס א שידוך מיט די צוויי אידן, אבער ס'ממש א שאד ווייל ער זוכט משה רבינו און ער האט א ר' עקיבא איגר ווייס איך שוין נישט אויב ס'שטימט...

איך האב אים געגעבן אן עצה זאגט דער טערעפיסט אז ער זאל פון היינט און ווייטער אנקוקן זיין טאכטער ווי זי איז פיר און צוואנציג יאר אינג נישט ווי זי איז פיר און צוואנציג יאר אלט...

אז מ'איז סערטיפייד און מ'האט אפילו א פיש טענק קען מען דען רעדן נישט צום זאך?

ווידער זאגט ער אז ער האט א חבר וואס האט געטון א שידוך מיט זיין זון און איך פרעג אים ווי אלט איז דער בחור און ער ענטפערט מיר אז ער איז זיבעצן, שוין כמעט אכצן...

זעענדיג מיין פנים הייבט זיך דער מחותן אן פארענטפערן, אז ביי די חתונה וועט ער שוין זיין אכצן, מען האט אים אנגעטראגן א וואוילע געזונטע מיידל ווי

האט ער בכלל געקענט זאגן ניין?

אזוי - פירט דער סערטיפייד משה זאב אויס - עפעס א סוד האבן ענק אין היכל הקודש ביי ענקער ראש ישיבה אז אלע פראבלעמען וואס קומען אן ביי מיר אויפן טיש איז ביי ענק פונקט פארקערט!

ווי גליקליך זענען מיר צו קענען לעבן די תורה וועג, און נישט די גוי'איש גאס וועג (ווען איך האב פראבלעמען ווערט מיר נאר העלפן א פרק משניות און א בלאט גמרא, גארנישט עפעס אנדערש)! קענען מחנך זיין די קינדער די וועג פון די תורה און נישט פון פראפעסארן! קענען לעבן אן קיין חובות און חתונה מאכן די קינדער רואיגערהייט (איך זוך נישט קיינעם צו געפעלן, איך קוק וואס איז גוט פאר מיר)! די חברה וועלן עס קיינמאל נישט פארשטיין, ס'קומט אלעס זאל זיין קאפויער פונקט פארקערט, די סדר איז אז ביי די אכציג קרעכצט מען "אוי וואס וועט זיין א גאנץ לעבן גארנישט געלערנט גארנישט געטון נאר נאכגעלאפן דעם פארמאכטן האנט פונעם יצר הרע".

אשרינו אז מיר קענען לעבן מיט תכלית! אשרינו אז מיר האבן א צדיק וואס ווייזט אונז ווי אזוי זיך צו פירן מיט די וועג פון די תורה, מיר האבן עצות וויאזוי זיך ארויסזען פון יעדן פראבלעם וואס קומט נאר אונטער, איך קען רעדן און בעטן דעם אייבערשטן ער זאל מיר העלפן ארויסגיין פונעם פראבלעם, איך דארף נישט האבן דעם טערעפיסט מיט זיינע פארדרייטע שיטות וואס ער האט געליינט און געהערט פון די טערעפיסט וועלט!



## טרעף די חילוקים

### טרעף 10 חילוקים צווישן די צוויי בילדער





מען קען שפילן מיט די שניי, שפרינגען און טאנצן, און זיין דבוק צום אייבערשטן,
זאגן א גאנצן צייט: "שכח אייבערשטער!" (עצתו אמונה וישלח תשפ"ב)

# עצתו אמונה
בחינה

## עצתו אמונה פרשת וישב תשפ"ד

### פון רעכטס צו לינקס

2. _____ איז דו בעסטע עצה פאר פרנסה
4. רעד מיט יעדן איינעם פון דאס _____ פון צדיקים
8. גיי יעדן אינדערפרי _____ מיטן אייבערשטן
9. נישטא אזא זאך 'איך בין שוין _____
10. איין עצה איז דא, _____ צום אייבערשטן
11. דיין גאנץ לעבן זאלסטו עוסק זיין אין _____

### פון אויבן אראפ

1. די שענסטע מתנה וואס דער אייבערשטער האט געגעבן פאר אידישע טעכטער איז די מדה פון _____
2. איין ווארט קען מען זאגן: "_____"
3. אז דו ווילסט מצליח זיין אין _____ צו קענען און געדענקען, זאלסטו בעטן דעם אייבערשטן
5. אויבן אין הימל איז א שמחה גדולה ווען א איד זאגט נאר דאס ווארט: "_____"
6. דער _____ איז - זיך דראפען און דערהאלטן
7. _____ יעדן טאג, קיינער דארף נישט זען



"מאך זיך א שיעור אין "ספר עצתו אמונה" וועסטו וויסן ווי אזוי זיך צו פירן אין לעבן" (עצתו אמונה פרשת נצבים תשע"ט)

## 200 באהאלטענערהייט

### וויפיל מאל קענסטו טרעפן די נומער "200"?...

| | | | | | | | | | | | | | | |
|---|---|---|---|---|---|---|---|---|---|---|---|---|---|---|
| 7 | 2 | 4 | 6 | 2 | 5 | 3 | 8 | 2 | 0 | 7 | 8 | 2 | 2 | 7 |
| 1 | 0 | 2 | 2 | 8 | 0 | 6 | 1 | 0 | 2 | 2 | 7 | 2 | 0 | 2 |
| 2 | 0 | 0 | 0 | 3 | 2 | 0 | 0 | 0 | 0 | 0 | 8 | 0 | 2 | 0 |
| 2 | 8 | 0 | 0 | 0 | 0 | 0 | 2 | 0 | 0 | 0 | 2 | 0 | 0 | 7 |
| 0 | 2 | 0 | 0 | 2 | 2 | 0 | 0 | 2 | 9 | 3 | 7 | 0 | 0 | 2 |
| 0 | 5 | 0 | 1 | 2 | 2 | 2 | 6 | 2 | 0 | 0 | 2 | 1 | 0 | 2 |
| 4 | 0 | 2 | 0 | 0 | 0 | 7 | 0 | 5 | 0 | 5 | 2 | 0 | 0 | 0 |
| 2 | 2 | 0 | 0 | 9 | 0 | 4 | 7 | 0 | 2 | 8 | 2 | 0 | 0 | 0 |
| 2 | 0 | 0 | 2 | 0 | 0 | 5 | 2 | 3 | 2 | 7 | 9 | 0 | 4 | 1 |
| 2 | 0 | 0 | 2 | 2 | 6 | 2 | 4 | 8 | 0 | 2 | 2 | 2 | 4 | 5 |
| 4 | 0 | 4 | 2 | 3 | 4 | 6 | 0 | 0 | 5 | 2 | 0 | 2 | 0 | 9 |
| 2 | 6 | 2 | 0 | 5 | 0 | 8 | 2 | 0 | 1 | 0 | 9 | 0 | 2 | 0 |
| 9 | 0 | 0 | 0 | 0 | 2 | 2 | 0 | 0 | 0 | 0 | 0 | 0 | 0 | 9 |
| 2 | 0 | 0 | 2 | 0 | 6 | 0 | 7 | 8 | 0 | 2 | 6 | 2 | 0 | 0 |
| 2 | 0 | 0 | 2 | 9 | 9 | 6 | 0 | 0 | 6 | 7 | 2 | 0 | 7 | 7 |
| 2 | 0 | 0 | 7 | 0 | 5 | 9 | 2 | 2 | 2 | 0 | 0 | 2 | 5 | 7 |
| 2 | 0 | 2 | 2 | 9 | 0 | 2 | 0 | 0 | 0 | 2 | 2 | 0 | 0 | 7 |
| 2 | 2 | 0 | 0 | 0 | 2 | 7 | 6 | 2 | 2 | 0 | 0 | 0 | 3 | 0 |
| 8 | 9 | 0 | 5 | 0 | 0 | 2 | 0 | 0 | 0 | 0 | 2 | 0 | 0 | 7 |
| 4 | 2 | 0 | 0 | 2 | 0 | 0 | 3 | 2 | 2 | 0 | 2 | 0 | 0 | 6 |

קרית ברסלב בלעטל
קינדער אפטיילונג

# עקסטערע 'צוויי' זייטן קינדער אפטיילונג צום 'צוויי' הונדערטסטן בלעטל!

## טרעף די וועג צום בלעטל נומער 200






# טרעף די זעלבע 200

טרעף צוויי מאל "200" פון די זעלבע קאליר
טרעף צוויי מאל "200" פון די זעלבע מין נומערן

| | | | |
|---|---|---|---|
| 200 | 200 | 200 | 200 |
| 200 | 200 | 200 | 200 |
| 200 | 200 | 200 | 200 |
| 200 | 200 | 200 | 200 |
| 200 | 200 | 200 | 200 |
| 200 | 200 | 200 | 200 |

# 200 אין עצתו אמונה

לאמיר געבן א בליק אריין אין ספר 'עצתו אמונה' און זען וואס דער ראש ישיבה שרייבט וועגן די נומער "200"...?

מזל טוב מזל טוב אז דו ענדיגסט היינט ששה סדרי משנה די צוויי הונדערט און צווייטע מאל! חכמינו זכרונם לברכה זאגן (חגיגה ט:): "אֵינוֹ דּוֹמֶה", עס איז נישט גלייך, "שׁוֹנֶה פִּרְקוֹ", דער וואס לערנט א פרק משניות, "מֵאָה פְּעָמִים", הונדערט מאל, "לְשׁוֹנֶה פִּרְקוֹ", צו דער וואס לערנט, "מֵאָה פְּעָמִים וְאַחַת", הונדערט און איין מאל; איז דאך זיכער דער וואס האלט שוין די צווייטע מאל הונדערט און איין מאל, מען איז מסיים די **צוויי הונדערט** און צווייטע מאל - איז דאך זיכער אז די שכר איז זייער גרויס. (עצתו אמונה פרשת תולדות תשפ"ד)

מיר האבן אנגעהויבן נישט לאנג צוריק די חדר מיט אפאר קינדער, און די סקול מיט אפאר קינדער, און יעצט איז אין שטעטל אליינס דא אינעם תלמוד תורה און אין די מיידל סקול איבער **צוויי הונדערט** קינדער, כן ירבו.
. (עצתו אמונה פרשת וירא תשפ"ג)

איך האלט מיט יעדן טאג יעדע פרט ווי מען האלט מיט'ן בויען דעם עירוב, איך באקום א פונקטליכע באריכט וויפיל לחי'ס מען לייגט א טאג; ברוך השם מען האלט שוין כמעט ביים סוף, דו האסט שוין געלייגט **צוויי הונדערט** לחי'ס, יעצט בלייבט איבער נאך הונדערט.איך בעט דיר זייער זאלסט זיך שטארקן מיט די הייליגע ארבעט, דורכדעם וועסטו זוכה זיין בקרוב צו א גוטע שידוך. (עצתו אמונה פרשת וירא תשפ"ג)

# קינדער טאלאנט


משפחת ראטה - קרית ברסלב


חנני יו"ט און ליפא פארקאש - קרית יואל


משפחת העסקעל - לאנדאן


אליעזר שלמה פיש נ"י - קרית ברסלב


משפחת מזרחי - קרית ברסלב - א מקווה


אליעזר שלמה מענדלאוויטש - קרית ברסלב


פנחס זעליג לעווי נ"י - בני ברק


אליעזר שלמה טייטלבוים נ"י - קרית יואל


נחמן בירנבוים נ"י - קרית ברסלב - הלל הזקן אויפן דאך

שיקט אריין אייער בילד צו
845-379-1161
breslevofficeliberty@gmail.com

# מעשה פון תפילה
# פאר קינדער

ישעי' פרידמאן נ"י - מאנסי פארציילט:




פייגעלע יאקאבאוויטש תחי' - קרית ברסלב פארציילט:



**בית פיגא**

**קרית ברסלב**

ווערק

רייזל און רבקה
וועבערמאן


מען געבט זיך א דריי,
און די חנוכה איז שוין פארביי.

די לאטקעס דריידלעך און דאנאטס זענען נישט דא אוי וויי,
אבער איין זאך איז געבליבן פון זיי,

וואס איך וועל מיטנעמען וואו איך גיי,
מי לד' אלי. פארן אייבערשטן זיין געטריי.

איך וועל דאס געדענקען מיין גאנצן לעבן,
ווייל דאס איז מיין שטרעבן.

א נחת רוח פארן אייבערשטן געבן,
און צום אייבערשטן זיך צוקלעבן.

אזוי בלייבט די חנוכה אין מיר,
א הייליגקייט איך שפיר.

יעדן טאג איך פראביר,
אביסל צו רעדן צו דיר.
און מיט דעם איך שטאלציר.

ווילסטו דאס פראבירן,
דו וועסט גארנישט פארלירן.

עס וועט זיך נאר עפענען טירן,
א טעם גן עדן וועסטו שפירן.

# בילדער

## אפטיילונג









**הרה"ג ר' אברהם בער יאזאפאוויטש שליט"א מונקאטשער**
**דיין פון וויליאמסבורג באזוכט אין כולל היכל הקודש - ב' וישב**











**הרה"ג ר' חיים קלמן קליין אבד"ק סעליש קרית יואל באזוכט**
**אין שטעטל ביי די מקוואות, מצה בעקעריי און שולן - ג' וישב**












קרעדיט: שמעון פיש



קרעדיט: שמעון פיש

דער ראש ישיבה באטייליגט זיך ביים תנאים פון בת העסקן מו"ה יואל גאלדבערגער הי"ו - ב' וישב



קרעדיט: שלמה האממער

תנאים פון החתן ישראל שמעון שטיינבערג נ"י עב"ג בת מו"ה יושע קליין הי"ו- ב' וישב תשפ"ד



קרעדיט: שלמה האממער

דער דיין שליט"א ביים לערנען אינעם נייע בית הוראה 'עמק יחזקאל' אין שטעטל - א' וישב תשפ"ד



קרעדיט: שמעי' וואקס

מען צינדט די מנורה די ערשטע נאכט חנוכה אין ביהמ"ד היכל הקודש טברי' - ה' וישב תשפ"ד




קרעדיט: אייזיק ראטה

מען צינדט די מנורה די ערשטע נאכט חנוכה אין ביהמ"ד אויף האשקי אין שטעטל - ה' וישב תשפ"ד



קרעדיט: שמעון פיש

מען צינדט די מנורה די פערטע נאכט חנוכה אין ביהמ"ד ירושלים קרית ברסלב - ה' וישב תשפ"ד



קרעדיט: שמעי' וואקס

הנהלה מיטינג אין ביהמ"ד אויף האשקי אין שטעטל - א' וישב תשפ"ד



קרעדיט: לייבי ראטה



קרעדיט: לייבי ראטה

**דער ראש ישיבה באזוכט אין בית הדפוס - ה׳ וישב**



קרעדיט: CME

**דער דיין שליט״א ביים צינדן חנוכה לעכט - ערב שבת וישב**



קרעדיט: CME

**דער דיין שליט״א ביים זיך וואונטשן נאכן לעכט צינדן**



קרעדיט: יקותיאל פעלדמאן

**דער ראש ישיבה צינדט די ערשטע לעכטל - ה׳ וישב תשפ״ד**



קרעדיט: אייזיק ראטה

**מעריב די ערשטע נאכט חנוכה - ה׳ וישב תשפ״ד**



קרעדיט: אייזיק ראטה

**שיעור ליל ששי אין שטעטל - ה׳ וישב תשפ״ד**



קרעדיט: שמעון פארטיגאל

**אין א שמועס נאכן שיעור ליל ששי**



קרעדיט: יוסי פרערויא

חנוכה ליכט צינדן אין בית המדרש אויף האשקי - מוצאי שבת וישב



קרעדיט: יוסי פרערויא

הבדלה - מוצאי שבת וישב



קרעדיט: שלמה האממער

מלוה מלכה - מוצאי שבת וישב חנוכה תשפ"ד

מו"ה חיים מאיר ערפס הי"ו ביים זינגען



קרעדיט: שלמה האממער

מו"ה אברהם יושע וועבערמאן הי"ו גבאי בית המדרש באדאנקט די אינגעלייט וואס העלפן מיט די הוצאות



קרעדיט: יוסי פרערויא

מו"ה רפאל פורסט הי"ו אדמיניסטראטאר המוסדות ביים רעדן פון די שיינע מוסדות וואס מיר האבן



קרעדיט: אייזיק ראטה

דער ראש ישיבה צינדט די פערטע לעכטל - א' מקץ תשפ"ד



קרעדיט: אייזיק ראטה



קרעדיט: אייזיק ראטה

דער ראש ישיבה צינדט די מנורה מיט זיינע קינדער - א' מקץ תשפ"ד